№ 6 Należytość pocztowa opłacona ryczałtem. • פרייז 20 גראשען. • „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאכאווער צייטונג

ערשיינט יעדען פרייטאג.
רעדאקציע און אדמיניסטראציע
אלעע 6. — טעלעפאן 201.

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.

Piątek, d. 8 lutego 1935 | ליכט-צינדען 4.19 | פרייטאג פ׳ תרומה ה׳ אדר א׳ תרצ"ה.

Bibljot. Jagiellońska
Kraków
św. Anny 19

דאנקזאגונג.

די פערוואלטונג פון פריזירער - צעך דריקט אויס א הארציגען דאנק אלע מיטגלידער, וואס האבען אנטיילגענומען און טראדיציאנעלען באל פון צעך.

גלייכצייטיג דאנקען מיר די ארגאניזאטארען, ווי אויך די ג׳ פרויען: גרויזאם, לעווקאוויטש, פוקס, גאלדבערג, שענוואלד, מסטאווסקא און בעזונדערס דער פערוואלטערין פון באל פרוי ריכנער. א ספעציעלען דאנק אויך די קעלנערינס פרל. קאמינסקא און פרל. צודעק פאר זייער אפפערווילליגער ארבייט ביים ארדנען דעם באל.

דער פריזיער-צעך.

DR. MED.
ELJASZ WINER
N. MARJI PANNY № 6.
telefon 23-93.
przyjmuje w godz od 9—10½. i od 4—7.

די לאנגיעהריגע פירמע פון **א. אוויעטשקא**
גארנצארסקא 23
מאכט בעקאנט, אז יעדען טאג איז צו בעקומען
פרישע פוטער, קעז
אייגענע אויסארבייטונג, ווי אויך גוטע, פרישע מילך
מיט דער פולער פעטקייט
צו קאנקורענץ-פרייזען.
הורט. דעטייל.

Poszukiwana
ekspedjentka
obeznana z branżą galanteryjną
Wiadomość w redakcji dla R.

פוטערס
אמביליגסטען
אין דער פירמע
MICHAŁ AJDELMAN
Częstochowa Piłsudskiego 7
טעל. 13-05, 1-טער שטאק, פראנט.

FARBIARNIA, PRALNIA CHEMICZNA
„KRYSZTAŁ"
ul. Berka Joselewicza 2.
מיר נעמען אן צו וואשען **קראגענס** מיט לאנג-דויערענדען שפיגעל-גלאנץ, אויך נעמען מיר אן **כעמיש** צו רייניגען און צו פארבען אלערארט קליידונג.
ספעציאליטעט: 1) פארבען לעדערנע קורטקעס,
2) דעטאשירען (ארויסנעמען פלעקען אהן וואשען).
אכטונג: פלעקען ווערען ארויסגענומען אויפ׳ן ארט

Tańców: modnych, zwykłych
clou sezonu „CARIOCA" salonowa,
wyucza w kompletach, oddzielnie
baletm. K. KOSTECKI,
ul. Waszyngtona 6.
Zapisy na kursy codziennie od 10 rano do 9 wiecz. Opłata niska.
פראקטישע לעקציע יעדען שבת פאר יודישע געזעלשאפט אנהויב 8 אווענד.
לעצטע מוזיק-שלאגערס. צוגענגליכער אפצאל.

אלע טשענסטאכאווער יודען גרייטען זיך
צום קרן-קימת-באזאר.

צענטראלער יודישער האנדווערקער-פעראבאנד, אפטיילונג אין טשענסטאכאוו.
„מכבי"-זאל פריהער „ראזמאאיטאשטשי" קאטעדראלנא № 13 **שבת, ד. 9 לוטי**
קומט פאר די לאנג ערווארטעטע טעאטער-פארשטעלונג
פון דער בעריהמטער רעפארטואר-פיעסע פון דער סאוויעטישער שרייבערין ס. לעוויטינא

דער אורטייל

אין 3 אקטען און 8 בילדער, אויסגעפיהרט דורך די בעסטע קרעפטען פון **היגען דראמאטישען קרייז.**
רעזשיסירט איז די פיעסע דורכ׳ן ארטיסט פון לאדזער קאמעראל-טעאטער **משה קאהן.**
אייגענע קאסטיומען, דעקאראציעס, מוזיק, רוסישע לידער און טענץ.
נאך דער פארשטעלונג — א רייכער קאנצערט-טייל.
אנהויב פונקטליך 8 אווענד. דער זאל איז גוט בעהייצט. די ארדנונג—געזיכערט
בילעטען פון 50 גר. ביז 2 זל. אין טאג פון דער פארשטעלונג ביי דער קאסע.

זונטאג פ׳ תצוה, דעם 10 לוטי 4 נאכמיטאג
קומט פאר **די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון „מחזיקי הדת"**
אין אייגענעם לאקאל, נאדרזשעטשנא 42
טאג-ארדנונג: 1) ערעפנונג. 2. וואהלען פון א פארזיצענדען פון דער אלג. פערזאמלונג. 3) דין וחשבון פון דער טעטיגקייט פון 1.1 1934 ביז׳ן 1.1 1935. 4) בודזשעט פאר׳ן נייעם יאהר. 5) פרייע פארשלאגען. 6) וואהלען פון 3 פערוואלטונגס-מיטגלידער אנשטאט די ארויסגעהענדע לויט׳ן § 24 די ה"ה ישראל׳קע טשענסטאכאווסקי, מנשה מרגליות, אברהם נפתלי הארוויטש.
בעמערקונג: אויב עס וועט נישט זיין די גענוגענדע צאהל מיטגלידער קומט די פערזאמלונג פאר דעמזעלבען טאג 5 אווענד.

די פערוואלטונג פון טשענסטאכאווער באנק ספולדזיעלטשי מיט בעגר. פעראנט. מאכט בעקאנט, דאס זונטאג, ד. 10 לוטי 4 נ. מ. אין לאקאל פון הויזבעזיצער פעראיין, אלעע 6
קומט פאר **א אויסערגעוועהנליכע**
אלגעמיינע פערזאמלונג
פון די באנק-מיטגלידער.
טאג-ארדנונג: 1) ערעפנונג און וואהלען פון א פארזיצענדען; 2) די אנגעלעגענהייט פון דער קרעדיט-הויך פאר א מיטגליעד, פראפארציאנעל צו דעם איינגעצאהלטען פאי (לויט ארט. 36 פון געזעץ וועגען קאאפער.)

וויכטיג פאר שלאסער און מעטאלווארען-פאבריקאנטען !!
מיר עמפפעהלען ערשטקלאסיגע גרוישלאזע אויף טריבען לויפענדע
שנעל = בויער = מאשינען
אין ראט-גוס ווי אויך אין קוגעל-לאגער מיט בעוועגליכען טיש און 2 באקען-פיטער פאר קראפט-בעטריעב זעהר פרעציז אויסגעפיהרט און צו מעסיגע פרייזען.
Odlewnia „WULKAN"
Częstochowa, Tartakowa 31—37. tel. 13-93.

גערענק, אז
נאר דער, וואס שפיעלט, קען **געווינען!?**
און דעריבער, אויב דו ווילסט
קויף באלד א צעטיל אין דער גליקליכסטער קאלעקטור
S. HAFFTKA i S. BORZYKOWSKI Aleja 2 telefon 19-13
Oddział: WARSZAWSKA № 9.
די ציהונג הויבט זיך אן שוין דעם 19-טען לוטי.

פיעל נחת און פרייד אונזער ליבע שוועסטער און שוועגערין **חנה׳לע** און א גליקליך צוזאמענלעבען דעם יונגען פאר
פרל. **אסתר שאיא** מיט ה׳ **ישראל יאניאק** טשענסטאכאוו, ווינשען
יעקב שאיא און פרוי, בער שאיא און פרוי, מאריץ פייפער
און פרוי, יוסף שאיא און פרוי, אלחנן און אסתר היידע. וויעלון.

א הערצליכען מזל-טוב און א גליקליכע צוקונפט דעם יונגען פאר
אסתר שאיא מיט **ישראל יאניאק**
ווי אויך די עלטערן און פאמיליע, ווינשען
משה ראזענזאפט, בער קרזעפיצקי און פרוי,
רוזשא שאיא.

אונזער ל. קוזינע **אסתר שאיא** צו איהר התונה מיט ה׳ **ישראל יאניאק** ווינשען מיר א פערווירקליכונג פון זייערע האפנונגען וואס זענען פערבינדען מיט ארץ-ישראל.
שמואל שאיא און פרוי
געברידער קרזעפיצקי און פרויען.

Z intencji zaręczyn koleżanki naszej HENI GUTSTADTÓWNY z p. IŹKIEM SZANCEREM, składamy serdeczne życzenia szczęścia i pomyślności
Hela Brattówna, Roma Grausówna i Małż. Markusowie

עס איז שוין צו בעקומען לאסען צו דער ערשטער קלאס פון דער 32-טער מלוכה-לאטעריע
דאס גרעסטע געווינס:
איין מיליאן זלאטעס
אויסערדעם:
107,139 געווינסען
אויף א סומע פון
22.940.000 זל.
פרייז פון א פערטיל לאס 10 זל.
Kantor Wymiany i Loterji J. WEKSLER Aleja 6.
וואו ס׳איז געווינען געווארען דער **1.000.000 זל.**

Kursy Handlowe pod kier. **R. German-Szumacherowej**
w II-gim półrocz. szkol.
rozpoczynają wykłady **BUCHALTERJI**
indywidualnie i w kompletach.
Kancelarja: ul. Dąbrowskiego № 11. mieszk. 5.
front, II-gie piętro, telefon 22-75.
TAMŻE I-sza SZKOŁA PISANIA NA MASZYNACH.

אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דער
פאמיליע פרייערמויער
צוליעב׳ן טויט פון זייער מאן און פאטער, אונזער לאנגיעהריגען מיטגליעד
ג"ע **משה פרייערמויער**
המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.
די גבאים, קאמיטעט און מתפללים
פון דער שוהל „אהל יעקב", אלעע 4.

א גרויל, א שרעק!

דאס געזעץ פאדערט, אז יעדער, וואס פערנעמט זיך מיט מסחר, מוז אויסקויפען א פאטענט. דאס ווייסען די סוחרים, ווי אויך די האנדווערקער און עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אז יעדער בעמיהט זיך יעדען ניי-יאהר זיך צו פערזארגען מיט א פאטענט,

די לעצטע יאהרען איז אבער דאס מין אויסקויפען פאטענטען פאר א גרויסען טייל סוחרים און האנדווערקער אן ערנסט פראבלעם. זיי ווייסען פשוט נישט פון וואנען מען נעמט די דאזיגע פאר גילדען, אז זייער גאנצע סחורה בעטרעפט נישט אזוי פיעל וויפיעל מען דארף אויסגעבען אויפ'ן פאטענט, קומען זיי אלזא צום רעטונגס-קאמיסעט ביי דער קהלה, וועלכע בארגט זיי ארויס לויט די מעגליכקייטען די פאר זלאטעס, וואס זיי צאהלען שפעטער איינציגווייז אויס.

פערהאנגען אבער אזא טייל סוחרים, וואס קאנען זיך אויף דעם „לוקסוס" אויך נישט ערלויבען און זיי „גנב'ענען" גאר פשוט, זיי האנדלען אהן פאטענט, אדער זיי גיבען זיך אויף ווער אויף אנ'אומזיסטען פאטענט אדער אויף א הנחה-פאטענט.

ס'פערשטעהט זיך, אז נישט אזוי שנעל בעקומען זיי א תשובה און זעלטען ווער ס'בעקומט די דאזיגע הנחה. דערווייל אבער טהוט דער שטייעראמט דאס זייניגע. די בעאמטע געהען קאנטראלירען אין מארק די פאטענטען און אך און וועה איז צו דעם יעניגען, וועלכער קאן נישט בעווייזען די כתיבה, מען פערנעמט איהם דאס ביסעל סחורה וואס איז אפט גענומען ביים סוחר אויף קאמי און דער סוחר איז אויס קאפעלושמאכער.

איז, בעת דער קאנטראלער, וועלכער איז אגב בעקאנט פון זיין שטרענגקייט —קומט אין מארק אריין אויף דער קאנטראלע, ווערט א געלויף, מען כאפט דאס ביסעל סחורה אונטער'ן ארעם און מען בעהאלט עס. נישט יעדען געלונגט עס אבער צו בעהאלטען די סחורה און ער פאלט א קרבן, וואס קאן שוין מעהר נישט קיין תחיית-המתים אויפשטעהן.

דער שרייבער פון די שורות איז געוועזען עדות פון אזא קאנטראל. די פעדער איז פשוט נישט אומשטאנד איבערצוגעבען דעם גרויל, וואס האט זיך געשאפען אין מארק, ס'האט אויסגעזעהן ווי בעת א פאגראם: מען איז געלאפען מיט דער סחורה, אסך האבען געלאזט ס'ביסעל סחורה אויף הפקר און אליין ענטלאפען פאר גרויס שרעק.

למען האמת מוז מען פעסטשטעלען אז דער דאזיגער גורל טרעפט אזוי גוט די יודישע ווי די קריסטליכע מארק-הענדלער, וועלכע ווערען גלייך טראקטירט אין דער דאזיגער הינזיכט. אין א מעמאריאל, וואס איז איבערגעגעבען געווארען דעם שטייער-אמט וועגען הנחה-אדער אומזיסטע פאטענטען, זענען אונטערגעשריבען קריסטליכע און יודישע הענדלער.

די דאזיגע טרויריגע ערשיינונג איז א סימן פון דער צייט, אין וועלכער מיר לעבען, מענשען, וועלכע האנדלען מיט פרעמדע סחורות און ווילען פערדינען גאר עטליכע גראשען א טאג און דאס איז זיי אונמעגליך צוליב דעם פאטענט, וועלכען זיי מוזען אויסקויפען.

ס'איז נישטא קיין עצה געגען דעם, געזעץ איז געזעץ. אבער צוקוקענדיג זיך צום דעם דאזיגען געיעג, צום בעהאלטען זיך, שטענדיג לעבען אין שרעק, נעמט-ארום א גרויל, א שרעק!

ש.

רעוומאטיזם איז א געזעלשאפטליכע פלאג.

מענשען, וועלכע ליידען אויף רעוומאטיזם ווערען אפט כראניש קראנק, טיילמאל אפילו אינוואלידען, הויפטזעכליך אין פאלען אונאויסהיילבארע, אדער ווען מען בעמערקט נישט די קראנקהייט בעצייטענס. אין אונזער קלימאט, וועלכער איז פייכט און מיט ווייניג זון, זענען די סימנים פון רעוומאטיזם לייכט צו בעמערקען און מען קאן פערהיטען, אז די קראנקהייט זאל זיך ווייטער נישט ענטוויקלען.

ביי רעוומאטיזם נעהמט מען 2—3 טאבלעטקעס טאגאל 3—4 מאל טעגליך. טאגאל ווערט אויך געברויכט בעת די קראנקהייט איז שוין מעהר ענטוויקעלט ביי רעוומאטיזם, ארטרעטיזם, פאדאגרא, נערווען-ליידען, קאפשמערצען, גריפע און ביי פערקיהלונגען טאגאל איז א גוט מיטעל געגען שמערצען און היץ.

ש. פייגענבוים.

כלל און יחיד.

אווראי האט פלאנדען'ס און לאוואל'ס נסיעה קיין לאנדאן ארויסגערופען א גרעסערן אינטערעס — עפיס א קלייניגקייט, זיכערען דעם וועלט-שלום, ברענגען דער שלום-לעכצענדער מענשהייט דאס איילבירטען-צווייגעל.

אויך מאלאטאוו'ס רעדע אויפ'ן קאנגרעס פון די סאוויעטען ווערט ברייט און אלזייטיג קאמענטירט אין דער ברייטער וועלט, ווידער צוליעב דעם זעלבען שלום, וואס איז פעדראהט, ווידער צוליעב דער טובה פון כלל.

אויספיהרליך און מיט אלע דעטיילען ווערט בעשריבען געהרינג'ס לעצטע יאגד-נסיעה אין די ביאלאוויעזשער וועלדער, וועלכע איז אויך געקניפט און געבינדען מיט'ן שלום און טובת הכלל. פארוואס דען נישט — זאל מען וויסען, אז דאס איז נישט עפיס גלאט א יאגד, נאר דוקא א יאגד לשם שמים, לשם בעפעסטיגען דעם שלום, נאך וועלכען אלע גארען אזוי שטארק.

טעלעפאנען האבען זיך צעקלינגען אין די רעדאקציעס, טעלעגראף-אפאראטען האבען גענומען קלאפען און טעלעפאן און טעלעגראף-דראטען האבען צעטראגען איבער דער גארער וועלט די וויכטיגע ידיעות, בשורות טובות אנגעזאגט דער מענשהייט, וועגען א דויערהאפטען שלום, וואס ווערט פאר זיי צוגעגרייט, וועגען אברוה פאר דעם אויסגעמאטערטען כלל.

פון די צייטונגען האבען זיך די 6-שפאלטיגע קעפ ממש געריסען פון פאפיר. א קלייניגקייט — מענשען-פערזארגער, מענשען-בעגליקער. די מענשהייט ווערט דאך אויפגעריכט און דאס האט אומעטום ארויסגערופען אנ'אלגעמיינעם אינטערעס.

אבער (שטענדיג מאכט דער „אבער" קאליע...) ווער האט צייט, געדולד און חוש צו לייענען עפיס א כראניק-ידיעה פעררוקט אויף דער לעצטער זייט, וואס דערצעהלט אונז וועגען א מענשליכער טראגעדיע, וועגען א מענש, פאר וועלכען ס'עקזיסטירען נישט די אלע טובת-הכלל-פלענער פון די פלאנדען'ס, מאלאטאוו'ס און אווראי און אווראי נישט פון די גערינג'ס מיט דעם „געיעג נאך שלום".

אין דער מענשהייט, אין דעם פשוט'ן לעבעדיגען מענש, האט מען פערגעסען. וועגען דעם מענש מיט רמ"ח איברים און שס"ה גידים געדענקט מען לחלוטין נישט. ווי זאגט דאס שפריכווארט: צוליעב'ן וואלד זעהט מען נישט די בוימער.

אט דערצעהלט אונז די צייטונגס-כראניק וועגען א מענש, וואס האט נאר איין בעגעהר איין פערלאנג — תפיסה-קאמער...

איהר לאכט?

ס'איז נישט קיין וויץ. א מענש ביים פולען פערשטאנד האט מיט טרעהרען אין די אויגען געבעטען די ריכטער איהם צו לאזען אין דער תפיסה אריין.

אנ'עהרליכער, איינזאמער ארבייטסלאזער מענש האט געזוכט א שטיקעל ארט, א קאפעטשקע פלאץ, כאטש ד' על ד', פאר זיין אויסגעמאטערטען גוף וואו דעם מיעדען קאפ אנידערצולעגען.

אין ווי קריגט מען זיך אין דעם „גן-עדן" אריין? איז ער געפאלען אויף א המצאה און פיזיש בעליידיגט דעם שומר פון דער עפענטליכער ארדנונג, כדי ער זאל איהם ארעסטירען.

ענדליך, נאך מיה און מאטערניש האט ער דאך געפונען א שטיקעל פלאץ פאר זיין אויסגעפיינערטען קערפער און פאר זיין מידען גוף — א דאך.

אויך אין טשענסטאכאוו האט לעצטענס געטראפען א פאל מיט אנ'ארימען שלעפער, אהן היים, וועלכער האט זיך אליין בעשולדיגט אין א מארד-טהאט, וואס איז אויסגעפיהרט געווארען אין א שכנות'דיגען דארף איבער א 17-יעהריג מיידעל. ערשט די אויספארשונג האט פעסטגעשטעלט, אז דעם מארד האט אויסגעפיהרט אנ'אנדערער און דער שלעפער האט זיך אליין בעשולדיגט, כדי אין תפיסה צו געפינען א דאך איבער'ן קאפ און ברויט צו דער זעט.

זאלען פסיכאלאגען, צי סאציאלאגען פערענטפערן די דאזיגע פאקטען מיט זייערע וויסענשאפטליכע פארמולעס, זאלען זיי פערענטפערן די פאקטען אויף וואסערע אופן זיי ווילען. פאר מיר הייסט דאס א שפיי אין פנים די אלע וועלט-פערזארגער, א שטריך-געמאכט איבער אונזערע בעגריפען וועגען פרייען בירגער, פולבערעכטיגטען בירגער, תפיסה און נאך.

אט מענשען, וואס האבען שטענדיג געלעבט בשלום מיט'ן געזעץ; וואס זענען נישט געווען אין קאליזיע מיט'ן געזעץ — פרייע, פולבערעכטיגטע בירגער.

פולבערעכטיגט?... אויסצוגעהן פאר הונגער און קעלט. פולבערעכטיגט צו שטארבען ערגיץ הינטער א פלויט.

פרייע בירגער.

ווי מעפיסטאפעליש קלינגט דאס ווארט, וויפיעל איראניע און סארקאזם געפינט זיך אין דעם בעגריף.

פרייער בירגער און זיי וויינען מיט טרעהרען אין די אויגען, בעטענדיג, אז מ'זאל ביי זיי זייער פרייהייט צונעמען.

אין גרויסען געווימעל פון אידעען, פראבלעמען און געדאנקען, וואס האבען נור איין אויפגאבע צו פערבעסערן דעם מענשליכען מצב, האט מען פערלוירען דעם לעבעדיגען מענש, וואס דארף א דאך איבער'ן קאפ און א ברויט פאר'ן מאגען. מען האט פערגעסען, אז עס איז דא א מענש, וואס לעבט און ווירקט, האפט און שטרעבט און מ'האט איהם פערוואנדעלט אין אנ'אבסטראקציע, אין א פארשטעלונג.

יא, פאר דעם רבים, פאר דעם כלל, פאר דער מענשהייט זארגען אלע און יעדער איינער וויל זיי בעגליקען. ווער זארגט אבער, ווער קוקט זיך אום אויף דעם יחיד, אויף דעם פרט, אויף דעם איינצעלנעם מענש, וואס איז דאך א בעשטאנד-טייל פון דעם רבים, פון דעם כלל, פון דער מענשהייט?...

סטאטיסטיק פון אנשטעקענדע קראנקהייטען און טויט-פאלען אין טשענסטאכאוו.

די שטאדטישע געזונדהייטס-אבטיילונג האט פערגאנגענע וואך פערצייכענט 9 פאלען פון אנשטעקענדע קראנקהייטען, פון דעם: שארלאך 2, רויז 2, דיפטעריט 3 און אבסערוואציע פון בויך-טיפוס 2.

אין משך פון דער זעלבער צייט זענען אין אונזער שטאדט געשטארבען 34 קריסטען און 14 יודען.

Mydło Bebe Szofmana פאר קינדער אונפערטרעטבאר

ווער וועט דאך ברענגען משיח'ן?

א מאנאלאג פון א פראסטען יוד.

מיין שכן גרונם פלטיאל האט זיך לעצטענס גענומען אין קאפ אריין דעם ענין ארץ-ישראל. ער וויל דוקא אויך זיין פון די זוכה-בגורל'ניקעס נאך אנצוקוקען דאס ארץ הבנויה און זיך זיצען תחת גפנו ותחת תאנתו און עסען באקסער מיט פייגען...

קומט ער צו מיר די וואך און האלט אזא מענה-לשון, וואס איך גיב אייך איבער ווארט, אין ווארט.

— ווי איהר ווייסט, האב איך געגלויבט באמונה שלימה, אז מיר יודען מוזען זיין אזוי לאנג אין גלות עד ביאת המשיח, אז נאר דער גואל צדק וועט אונז אויסלייזען פון פינסטערען גלות און ביז דאמאלס וועלען נישט העלפען קיין שום קינסטליכע מיטלען צוצואיילען די גאולה. ווען דער ציוניזם האט אנגעהויבען צו ליארמען, אז אט וועלען זיי אויסלייזען ס'פאלק, האב איך אויף זיי געקוקט מיט בטול, וויסענדיג ביי זיך, אז ביז מען הייסט נישט געהן, וועט נישט העלפען קיין שום ווילען. באלד האב איך זיך דערמאנט אין דער מעשה מיט די בני אפרים, מיט די עצמות היבשות או"וו.

לעצטענס אבער האב איך געמוזט ענדערען מיין מיינונג, זעהענדיג, אז פונדעסטוועגען איז דער ענין ארץ ישראל נישט קיין פוסטע פראזע. אט פאהרט מען דאך, מען שרייבט פיינע בריוועלעך און מען בויט. און אז מען זאל נאך גלויבען די צייטונגען, איז ארץ-ישראל טאקי דאס ארץ זבת חלב ודבש. אויב אזוי, האב איך זיך געטראכט, צו וואס דארף איך זיין פון די לעצטע?

האב איך אנגעהויבען צו שמעקען, פונוואנען מיין גאולה קאן קומען. כאפ איך קודם א שמועס מיט מיינע זוהן. עפיס זענען זיי דאך גאנצע מאכערס אין די ציוניסטישע ארגאניזאציעס, נאר וויפיעל איך זאל מיט זיי נישט רעדען, קאן איך גארנישט געוואויר ווערען, ווארום איינער איז א רעכטער, דער צווייטער — א לינקער און דער דריטער — א צענטראוויעץ. און נישט בלויז מיינע זיהן, נור אויך מיינע טעכטער געהערען יעדע איינע צו אנ'אנדערער ארגאניזאציע. און ווען איך האב איינמאל פרייטאג-צו נאכטס ביים טיש (דאמאלס זענען אלע אינדערהיים) געכאפט א שמועס וועגען ענין ארץ-ישראל, ווי אזוי מען הויבט עפיס אן צו טהון, אז מען זאל זיך אריבערפעקלען אין אונזער הייליג לאנד, איז געווארען אזא סומאטאכע, אזא געוואלד, אז דער שבת איז מיר פערשטערט געווארען, ווארום יעדער איינער האט אלץ אויפגעוויזען, אז נאר ער האט רעכט. איינער האט גע'טענה'ט, אז טאמער וועט דער טאטעשי פאלגען דעם רעכטען פעצעק, וועט דער טאטעשי ווערען אנ'אראבער און געהערען צום פראפעסיאנעלען פעראיין און מוזען טראגען א רויטע פאהן. רופט זיך אן מיין דבורה'לע, אז זייער פארטיי וויל שאפען א יודענשטאט, אז ארץ-ישראל זאל נישט זיין קיין סאוויעטען-לאנד, נאר א יודיש לאנד. שפרינגט אונטער מיין יונגסטער שמועלעק און זאגט, אז ער וויל נישט אנדערש, נאר ביידע זייטען פון ירדן. אויף דעם גיט א דונער מיין עלטסטער זוהן ישראל'יק, וועלכער איז געקומען פון מיליטער, אז די אלע בקשות און תחנונים פון די ציוניסטען ביי די ענגלענדער וועלען גארנישט העלפען, נאר אויב מען וויל עראבערן ארץ-ישראל, מוז מען עס טהון מיט געוועהר אין דער האנד. רופט זיך ווידער אן מיין אהר'עלע — — רופט זיך ווידער אן מיין מרימ'ל — —

הקיצור, זיי האבען אזוי לאנג גערעדט, געשריגען און זיך געקריגט, ביז איך האב אנגעהויבען וויינען מיט טרעהרען, אז זיי זאלען שוין אויפהערען. כ'בין זיי שוין מוחל אלץ, נאר זיי זאלען דערוייל מיר נישט חרוב מאכען די שטוב. און נישט דערווארטענדיג זיך ביז זיי וועלען זיך אויסקריגען, בין איך אוועק אין שטיבעל.

און ווי עס וואלט געווען אנ'אבגערעדטע זאך, האט מען אויך אין שטיבעל גערעדט וועגען ארץ - ישראל, באשר, אז די אגודה טיילט אויך סערטיפיקאטען. דאס האט מיך שטארק געוואונדערט, זיי אויך?! דאכט זיך, אז זיי זענען געוועזען די, וועלכע האבען אמשטארקסטען בעקעמפט דעם ציוניזם און דאך פערנעמען זיי זיך היינט מיט עליה קיין ארץ-ישראל און טיילען אויך סערטיפיקאטען?! האט מען מיר געגעבען צו פערשטעהן, אז זיי גלויבען ווייטער אין משיח'ן, נאר היות, ווי עס איז יעצט א גרויסע איינוואנדערונג קיין ארץ-ישראל און דאס אלץ פאר פרייע עלעמענטען, וויל די אגודה, אז אויך צווישען די עולים זאלען זיין פרומע יודען, וועלכע זאלען מחזיק זיין אין ארץ-ישראל דעם דת. האב איך גארנישט דאגעגען, אדרבה, עס געפעלט מיר זעהר שטארק און כ'הויב אן מיט זיי א שמועס צו טהון, צי איך וואלט נישט געקאנט זיין איינער פון די, וואס זאלען בעקומען פון דער „אגודה" א סערטיפיקאט, ווארום, וואס שייך צו זאגען: א רעליגיעזער יוד בין איך דאך פארט. בין איך אוועק צו דעם הויפט פון דער „אגודה" און איהם דערצעהלט אזוי און אזוי: איך וויל געניסען פון אייערס א סערטיפיקאט, כ'זאג צו ווייטער צו זיין אין ארץ-ישראל אויך אזוי פרום, ווי אין גלות. גיט ער מיר אבער צו פערשטעהן, אז דא האנדעלט זיך נישט אזוי ווייט וועגען פרומקייט, נאר מען מוז זיין א מיטגליד אין דער אגודה און ווען איך וועל זיין עטליכע יאהר אנ'אגודה'ניק און האבען פערדינסטען, וועט מען ערשט דאמאלס שמועסען...

קורץ, איך האב געפרובט מזל ביי די אלגעמיינע ציוניסטען, ביי די יודענשטאטלער, ביי די „מזרחי", ביי די רעוויזיאניסטען, כ'בין אפילו געווען ביי די ברית-החייל'ניקעס, איך בין געווען אומעטום. כ'שעהם זיך אויסצוזאגען, אז כ'האב אפילו אנגעשטעקט א וויזיט ביי די לינקע-רעכטע פ. צ., נאר אומעטום האט מען מיר געענטפערט מיט תרגום-לשון, אזוי, אז כ'הויב נישט אן צו פערשטעהן פון דאנען ביז אהין. א גאנצען מענה לשון האבען זיי מיר פארגעלייגט. ערשטענס מוז איך אדורכמאכען א הכשרה. צווייטענס מוז איך האבען פערדינסטען, כ'מוז ווייזען, אז איך האב זיך פערדינט, דאס מען זאל מיר געבען א סערטיפיקאט און צום סוף ווען איך וועל שוין בעשטימט ווערען צווישען די זוכה-בגורל'ניקעס, וועל איך ערשט מוזען מיטנעמען א מיידעל אלס מיין כלומרשט ווייב. איהר הערט א לשון? און וואס וועל איך טהון מיט מיין עטיל דבורה?

קורץ און גוט, שוין א פאר חדשים ווי איך בעמיה זיך, שמאיע און לויף, רעד און בעט זיך און ס'איז אלץ ביים אלטען.

א לאנד שטעהט און ווארט אויף מיר, ארבייטען וויל איך און זאגען זאגט מען: ארץ-ישראל. ד. ה. דאס לאנד פון יודען און דאכט זיך, אז איך בין אויך א יוד און פונדעסטוועגען קען איך נישט קומען אין מיין אייגען לאנד.

איהר ווייסט, וואס איך וועל אייך זאגען, פאניע סמאל—ווערט מיין שכן בעהערשט פון א געדאנק—מיר דאכט זיך, אז מען האט דעם ענין אוועקגעגעבען אין שלעכטע הענד, אז אויב די פארטייען האבען צו זאגען וועגען דער עליה קיין ארץ-ישראל, וועט קיין ארדנונג נישט זיין, ווייל זאל מען זיך נישט גענארען—פארטייען האבען נישט אין זינען דעם כלל, נאר זייערע פארטייאישע אינטערעסען און אויב עס וועלען נאר קאנען פאהרען פארטיי-לייט וועט ארץ-ישראל אויך מוזען זיין א לאנד פון פארטייען, צי וואלט דעריבער נישט מעגליך געווען, אז דער ענין ארץ-ישראל, וואס געהער צום גאנצען פאלק, זאל ארויסגענומען ווערען פון די פארטייאישע הענד און דערמיט זאל זיך פערנעמען אנ'אונפארטייאישע געזעלשאפט, וואס זאל זארגען כאמת ובאמונה וועגען דער דאזיגער הייליגער זאך, ווארום אנדערש וועט ארץ-ישראל נישט אויפגעבויט ווערען?!

דאס זאגט אייך גרונם פלטיאל. געדענקט מיינע ווערטער. זיי, די ציוניסטען, וואס זענען צוטיילט אויף תרפ"ט פארטייען, וועלען די גאולה נישט ברענגען און ס'בלייבט אלץ די אלטע פראגע:

ווער וועט דאך ברענגען משיח'ן?!

סמאל

א. י. ברוזשינסקי.

וועגען דער באדען־שפעקולאציע אין ארץ־ישראל.

פאר מיר ליגען אנגעווארפען פערשידענע העברעאישע צייטונגען כמעט די גאנצע ארץ-ישראל'דיגע פרעסע.

דא לעצטענס האב איך מיך אנגעשטויסען אויף דער שטארקער פאלעמיק, אין דער דארטיגער העברעאישער פרעסע, ארום דער באדען-שפעקולאציע אין ארץ-ישראל.

כאראקטעריסטיש איז, אז גראד די עלטערע אנגעזעהענסטע ציוניסטען, אזוי צו זאגען, די „וועטעראנען" פון די עמודי-התוך און בעוואוסטע מנהיגים אפילו, זענען די הויפט-געגנער, די מלמדי-חובה פון דער באדען-שפעקולאציע, און פערקעהרט, גראד די יונגערע, יעדענפאלס, וואלט איך זאגען, די נאך נישט גאנץ אויסגעפרובירטע ציוניסטען, זענען דאס די, וועלכע נעהמען דעם באדען-שפעקולאציע אין שוץ, פערטיידיגען זי ביז גאר, זיי זענען די מלמדי-זכות אויף איהר.

פסיכאלאגיש גענומען, איז עס גאנץ פערשטענדליך. די עלטערע ציוניסטען, די רעשטלעך פון די אמת'ע „חובבי-ציון", די פאנאטיקער און טרוימער פון דער ציוניסטישער בעוועגונג, ביי וועלכע די פלאם-פייערדיגע ליבע צו ארץ-ישראל איז געוועזן קריסטאל-ריין, אהן וועלכע אייגען-נוצען, זיי עראינערען זיך נאך מיט בעגייסטערונג די הייליגע ראמאנטיק פונ'ם ציוניזם, די „האניג"-יאהרען פון דער בעוועגונג. די „חובבי-ציון" די בילו'צים, האבען מיט די גרעסטע קרבנות און אנשטרענגונגען, געשטרעבט צו „ישוב ארץ-ישראל". דער ציל איז געוועזן צו מאכען דארט פון א מדבר א „ישוב", די האבען נאך אפילו חלומ'ען נישט געקענט, פון דעם ווי מיר רופען עס איצט „בנין הארץ".

די יונגערע, די מעהר ענטוזיאסטיש געשטימטע, ווייניגער בעלי-נסיון, ווערען מעהר מיטגעריסען, מיט שנעלען טעמפא, פון אויפבוי פון לאנד, ביי זיי הייליגט „דער ציל די מיטלען", זיי האלטען, אז „אלע וועגען פיהרען נאך רוים", די שפעקולאציע איז אין א געוויסער מאס, א פאקטאר, וואס העלפט א סך מיט, פעראינטערעסירט יודען, צו קומען, אזוי ארום פערשטארקט זיך די עליה פון מענשען, פון קאפיטאלען, שאפט גרויסע מעגליכקייטען פון יודישע ארבייט. אזוי גוט ווי מיד זענען פאר א פרייער יודישער איינוואנדערונג נאך ארץ-ישראל אזוי גוט מוזען מיר זיין פאר פרייע איניציאטיוו אונטערנעהמונגען.

מיר זענען כמעט מאכטלאז בכלל זיך געגענצושטעלען געגען דעם, אלע גזירות און מאסרעגלען וועלען גאר נישט העלפען, ביז דער באדען-הונגער וועט זיך איינשטעלען און די שפעקולאציע וועט זיך פון זיך זעלבסט בערוהיגען...

שווער, זעהר שווער איז צו זיין, דער מכריע, דער כתוב השלישי, אין דער אנגעוועהטאגטער פראגע, אין דער זעלבער מחלוקת הפוסקים.

אויב פון מאראלישען שטאנדפונקט זענען פון שטענדיג אן אין אלע דורות און אין אלע צייטען, די שפעקולאנטען, וואס בעהאלטען וועלכע עס איז סחורה, אויף יקרות, פערעכענט געווארען פאר נידריג געפאלענע, פערדארבענע מענשען, אין א געוויסען זין אפילו פאר אויסוואורפען פון דער געזעלשאפט. לויט'ן תלמוד קומט אויס, אז „מפליעי שערים" (אויפשרויפערס פון פרייזען אויף ארטיקלען פון ערשטען געברויך) זענען געווען אפילו פסול לעדות, און אויך ביי אלע אומות און רעגירונגען, עקזיסטירען געגען די געוויסע געזעצען אז פון נאציאנאלע מאטיווען אויס, מוזען די שפעקולאנטען אמשארפסטען געטאדעלט ווערען.

אין אונזער גאנצער מארטירער-גלות געשיכטע האבען מיר זיך בענוצט אין בעצוג צו ארץ ישראל מיט דעם ווארט „גאולה" ד. ה. אז אונזער הויפט-אויפגאבע דער הייליגער חוב, איז אויסצוקויפען די ערד פון אונזערע בעזיצער, דאס איז דער חוב נישט נאר פון כלל, נאר אפילו פון יעדען פרט, פון דעם שטאנדפונקט אויס, איז פשוט די שפעקולאציע, וואו פלעצער אדער גרונדשטיקער, געהן איבער מעהרערע מאל פון איין יוד צום צווייטען, אנשטאט צו קויפען פרינציפיעל גאר פון אראבער, וואס וואלט ממילא נישט ארויסגערופען אזא פרייזען-שטייגערונג און וואס מעהר ערד אדער בנינים וואלטען אריבער אין אונזער רשות און די אראבער וואלטען נישט אזוי שטארק בערייכערט געווארען אויפ'ן חשבון פון אונזער שפעקולאציע, פון דער אנדערער זייט ווידער בעגעהט די שפעקולאציע אנ'עוולה לגבי יוד, פאלק, וואס זי ווארפט זיך הויפטזעכליך אויף תל-אביב. מיר האבען געדארפט אנווענדען אלע אינוועסטיציעס אונזערע אין א"י אין דער ריכטונג, זיי זאלען דירעקט קענען בעשעפטיגען וואס מעהר יודישע ארבייטער סטאביל.

נישט נאר פון נאציאנאלע אדער סאציאלע מאטיווען איז די שפעקולאציע נישט בערעכטיגט, נאר איז אפילו לויט די טרוקענע מאטעמאטישע ציפערען נישט אויסגעהאלטען. מיר דארפען געדענקען, ווייל דער בנין הארץ געהט צו אזוי שנעל פשוט אין א בהלה, דארפען מיר נאכמעהר פארזיכטיג זיין, אז דער בנין זאל זיין געבויט אויף געזונטע יסודות. און דעריבער מוזען מיר אויפפאסען זעהר שטארק נישט נאר אויף די קאפיטאלען פון כלל, נור אפילו פון יחיד אויך. אין דער גאנצער וועלט, ווען מענשען פערלירען זייערע קאפיטאלען, רופט זיך עס זעהר ווייניג אב אויפ'ן פרעסטיזש פון לאנד. אנדערש איז עס אבער מיט ארץ-ישראל, דא האבען מיר דאך שוין געהאט די פראקטיק נאך דער פערטער עליה, ווי די וואס האבען פערלוירען אין א"י געלד, זענען שנעל געלאפען צוריק פון דארט, אלס שלעכטע „מרגלים"... א חוץ דעם שטעקט ווידער די געפאהר מצד די אראבער, וועלכע זענען קאפיטאל רייך געווארען, איז נאך דא די מורא, אז ביי ביליגע פרייזען זאל עס ווידער איבערגעהן צו די אראבער, ווי בעקאנט איז די גרעסטע שפעקולאציע אויף הייזער געווען בשעתה אין ניו-יארק, אויף די פינפטע עוועניו. ווי מבינים בעהויפטען איז די א"י'דיגע שפעקולאציע פראצענטמעסיג בעדייטענד גרעסער. דער חילוק איז דער, וואס די אמעריקאנער שפעקולאנטען זענען דארטיגע בירגער און פערלירענדיג דאס געלד זענען זיי פערבליבען אויף זייערע ערטער און אין א"י זענען ס'רוב שפעקולאנטען נאך פרעמדע בירגער, און די ערשטע גרייט זיך צוריקצוציהען פון דארט. בעת א קריזיס און איבערברוך אין די פרייזען.

וואלט נאך גוט געווען, ווען די אייגענטימער וואלטען געקויפט די פלעצער פאר זייער אייגען געלד, איז אבער די צרה, וואס עס איז ביליג צינזען אין א"י, שפעקולירען זיי שוין מיט הלוואות פון די בענק אויך. אזעלכע זענען געוויס עלול ביי דער מינדעסטער ירידה פון די פרייזען צו פערלירען זייער אייגען פערמעגען אינגאנצען, ארויסצוגעהן נקי, ווי מען זאגט, עס זאל צומאל אפילו נישט דעקען דעם חוב פון באנק, דער תל-אביב'ער מאגיסטראט (עריה), דארף צווינגען די אייגענטימער פון די ליידיגע פלעצער זיי אין א קורצער צייט צו פערבויען. דאס וועט שטארק ברעכען די שפעקולאציע, דען נישט אלע זענען בכוח צו בויען. דאס מוז זיך אברופען אין א געוויסער מאס אויף דער נארמירונג פון די פרייזען.

אינזש. מ. פייגין.

פראקטישער ציוניזם.

איך וויל זיך דא היינט בעשעפטיגען מיט אביסעל פראקטישען ציוניזם, נישט מיט דעם פראקטישען ארץ-ישראל-ציוניזם, ווי צום ביישפיל: דאס פערגרעסערן דעם ערד-בעזיץ, דאס בעפעסטיגען און פערברייטערן די ארץ-ישראל-אינדוסטריע, דאס פערגרעסערן דעם אבזאץ-מארק פון תוצרת הארץ, דאס צוריקהאלטען די חלוצים אויף דער לאנדווירטשאפט, דורכזעצען ביי די קאלאניסטען דעם פרינציפ פון עבודה עברית, דאס בעשרענקען די טעטיגקייט פון די מגרשים-מעקלער, וועלכע ראלע עס האבען אויף זיך גענומען נישט נור די גאלעווקער דריפקעס, נור גאנץ חשוב'ע כלל-טהוער, ציוניסטישע „יא-טעביעדאמס"; ניין, נישט מיט די פראגען וויל איך זיך בעשעפטיגען, דאצו האבען מיר די געוועהלטע עקזעקוטיווע וואס בעזיצט 52 פראצ. צוטרוי פון דער גאנצער ציוניסטישער משפחה און זאלען זיי זיך מיט די דאזיגע פראבלעמען בעשעפטיגען. איך וויל זיך בעשעפטיגען מיט דעם פראקטישען גלות-ציוניזם, איהר וועט אפשר מיינען מיט דעם קרן קימת אדער קרן היסוד? ניין, אויך פאר די קרנות מוז די עקזעקוטיווע זארגען. איך וויל זיך בעשעפטיגען מיט דעם פראקטישען ציוניזם, וואס הייסט „סערטיפיקאטען-ציוניזם".

עס זענען פערהאן פיערערליי סערטיפיקאטען-פארטייען: 1) די פארטיי, וואס פאכט מיט'ן סערטיפיקאט, 2) די וואס טיילט דעם סערטיפיקאט, 3) די, וואס בעקומט אויך סערטיפיקאטען און 4) די, וואס פערלאנגט סערטיפיקאטען און בעקומט נישט.

די ערשטע, וואס פאכען מיט סערטיפיקאטען — דאס זענען די אלגעמיינע ציוניסטען פון קאנגרעס-פוילען אדער אנדערש געזאגט די ציוניסטען פון צענטראל-קאמיטעט. זיי האבען זיך איינגעמשכנ'ט ביי די לינקע און האבען געגלויבט, אז ווען גרינבוים וועט זיין סערטיפיקאטען - מיניסטער, וועלען זיי האבען די דעה איבער'ן פאלעסטינא-אמט און זיי וועלען האבען די אמת'ע סערטיפיקאטען, אבער פון דעם אלעם האט זיך אויסגעלאזט א בוידעם. די דעה איבער'ן פאלעסטינא-אמט האבען טאקי נור די לינקע, און דער שפיץ פון וועלכע עס שטעהט אינזש. רייס, אזוי ווייט, אז ווען מען האט געמוזט פערגרעסערן דאס פערסאנאל פון פאלעסטינא-אמט, האט מען צוגענומען אויסשליסליך לינקע; קיין איינציגער על-המשמר'ניק איז נישט אנגאזשירט געווארען. דער צענטראל-קאמיטעט פון די פועלי-ציון איז געווען געצוואונגען צו רופען די פראווינצער חברים, כדי צו בעזעצען די לעדיג-געבליבענע שטעלעס פונ'ם צענטראל-קאמיטעט, ווייל יענע זענען אריבערגעגאנגען אין פאלעסטינא-אמט (ווארשיינליך זענען דארט בעסערע געהאלטען...) און דאדורך איז אויך א היגער אויפגעריכט געווארען מיט דער שטעלע פונ'ם גענעראל-סעקרעטאר פון „החלוץ"!

וואס אנבעלאנגט סערטיפיקאטען, ווייסט איהר דאך, חשוב'ע פריינד פון די אלגעמיינע ציוניסטען, בעסער ווי איך, וויפיעל סערטיפיקאטען פון סוג א', סוג ב' איהר האט בעקומען פאר אייערע מיטגלידער; וויפיעל המלצות עס זענען פאר אייערע מיטגלידער בעשטעטיגט געווארען; ווי עס ווערט דארט פאר אייערע אינטערעסען געזארגט, ווי נעמט מען אייך אויף אין פאלעסטינא-אמט און ווי מען מאכט זיך פון אייערע טענות און פעראָרדנונגען, ווי פונ'ם פאריעהריגען שניי. איהר טארט אייך נישט צו הויך רעדען, דען איהר זייט דאך די איינגעבעטענע געסט ביים „רייכען פעטער" און מוזט פערליב נעמען אלץ, וואס דער רייכער פעטער בעוויליגט אייך צו געבען. פערשטעהט

וואס געהערט, וואס געזעהן.

דער אמת'דיגער שבת.

איהר האט נישט מקנא צו זיין אזא יודען, ווי מיך, וואס האט, אמת, א פרייען איינטריט אין אלע קינא'ס און טעאטערען, דערפאר אבער פעהלען איהם נישט קיין צרות, לויפענדיג אויף אלע פערזאמלונגען, אויסהערענדיג אלע בעריכטען און רעדעס. אומעטום מוז ער זיין, און טאמער חס וחלילה פערפעהלט ער ערגיץ צו זיין, איז ער ס'חיות נישט זיכער, האבען די איניציאטארען אזוי פיעל פרעטענציעס, אז די קאנסט זיך אפילו מיט „אולען"-וואסער נישט ריינוואשען...

שטעלט אייך פאר, אז אזא שבת'דיגען טאג, ווי ס'איז געווען יענע וואך, א שטורם, א גליטש, אז ס'איז געווען אפילו אנ'עברה א הונד ארויסצולאזען אין גאס (סיידען א שוויגער...) האב איך געמוזט לויפען פון איין פערזאמלונג צו דער אנדערער, פון איין פייערונג ארויס, אין איין פערוויילונג אריין.

עמוד נוח...

קודם כל א בעזוך ביי די ברית-החייל'ניקעס, וועלכע האבען געפייערט זייער איין-יעהריגע עקזיסטענץ און דעם חנוכת-הבית פון א נייעם לאקאל. האבען זיך פערזאמעלט א ביסעל געסט, פארשטעהער פון רעוויזיאניסטישע ארגאניזאציעס, און דער עיקר — פון מיליטער-לייט אין זייערע מונדירען, וואו מען האט ראפארטירט און געפיהרט די קאמענדע „פא וואיסקאוועמו". יעדעס מאל, ווען מען האט געגעבען א קאמענדע, האב איך געגעבען א ציטער אויף; כ'ווייס נישט פארוואס, נאר איך שרעק מיך פאר מיליטער, כאטש וועגען אונזערע ברית-החייל'ניקעס קען מען דאס נישט זאגען, זיי זענען דאך יורען און כאטש זיי זענען מיליטעריש געזאנען, איז דאס פארט א היימישע ליעב-הארציגע חברה. נאר בלויז צוליב דער קאמענדע גיט עפיס א ציטער אין הארצען, און בערוהיגט האב איך מיך ערשט, ווען כ'האב געהערט דעם בעקאנטען בעפעהל: עמוד נוח, וואס איז משמע אויף ריין יודיש „ספאטשני"...

סאציאליסטישע האנדווערקער ווייילען זיך.

ס'וואלט געווען אנ'עולה, ווען איך זאל ביי דער געלעגענהייט נישט בעזוכען דעם באל, וואס עס האבען איינגעארדענט די סאציאליסטישע האנדווערקער.

פאר אייך איז דאס אפשר א נייעס, אבער אזוי איז עס. פונקט אזוי ווי עס איז דא א חלוץ-בעל-מלאכה, וועמען מען זאגט צו סערטיפיקאטען, אזוי זענען אויך פערהאנען האנדווערקער, וועלכע לעגען זייערע האפנונגען אויפ'ן סאציאליזם. נישט דאס אבער בין איך אויסען...

קורץ, אין זאל פון „מכבי" האבען זיי איינגעארדענט א באל מיט א סך פאנטען, וואס זיי האבען צוזאמענגענומען און ס'איז געווען ליהודים. מען האט געטאנצט אונטער די קלאנגען פון מוזיק און זיך געווייילט ביז אינדערפריה.

זיי, די סאציאליסטישע האנדווערקער האלטען, אז ביז די גאולה — דער סאציאליזם וועט קומען, דארף מען דערווייל אריינכאפען א שטיקעלע עולם הזה...

„מאיע אושאנאוואניע".

פון דארט בין איך אוועק אויף דעם טראדיציאנעלען יעהרליכען באל פון די „מאיע אושאנאוואניע" - לייט, כ'מיין פריזירער-צעך, וואס איז פארגעקומען אין די זאלען פון האנדווערקער-פערבאנד.

דארט איז געווען דער אמת'ער באל. אה, קאנען זיי גוט די מלאכה, די גאליארזשעס. זיי קאנען נישט בלויז אבגאלען בערד אדער בעזייטיגען די האר פון קאפ, נאר נאך גרעסערע מזיקים זענען זיי אבצוגאלען א בופעט און ביי די פריזירער איז א בופעט „יאק שען גאלעזשי". און ס'זאל שוין אזא צארן נישט זיין, די געבראטענע גענזלעך זענען אזוי פערשווינדען געווארען פונקט ווי א האר הינטער א זערא-מאשינקע.

פרעהליך איז אבער דארט געווען מיט'ן גאנצען קנאק. דער סטארשי ר' יוסף גאלדבערג האט זיך ארומגעדרעהט ווי דער אמת'ער מחותן און ס'פנים האט איהם געשיינט פאר שמחה: אט זעהט, זיי זענען געקומען אלע, אפילו פון טשענסטאכובקע. און צו יעדען האט ער געשמייכעלט און פערבעטען, אז ער זאל זיך נאר גוט ווייילען.

קורץ, נאך עטליכע שעה ווייילען זענען אלע אוועק פון פריזירער - באל גאלע. די איינארדנער האבען זיך שטארק פערנויגט און יעדען איינציגען געזאגט „מאיע אושאנאוואניע"...

ווידער פאמעראנצען...

אויף די אויבענדערמאנטע דריי פערווייילונגען איז די הויפט-קאנסומציע געווען — פאמעראנצען, וואס האבען פערפולט די בופעטען. און אויב אנדערע פראדוקטען זענען איבערגעבליבען, איז דאס איינציגע, וואס האט אויסגעפעהלט געווען פאמעראנצען, וועלכע דער עולם האט געשלינגען מיט גרויס אפעטיט פאר ביליגע גראשענס. הפנים, אז דער עולם האט זיך נאך נישט זאט אנגעגעסען מיט די פאמעראנצען.

דער איינציגער שבת'דיגער שבת.

טרעפט מיך פערגאנגענעם שבת מיינס א בעקאנטער סוחר און פערבעט מיך צו זיך אויף טשאלענט. מסתמא מאך איך דעם אנשטעל, אז כ'וויל נישט, האט ער מיך אבער נישט אבגעלאזט און מיט געוואלט ארויפגעפיהרט אין שטוב אריין.

זיצענדיג ביים טיש, הער איך, ווי ער האלט אין איין רעדען: א טייערער שבת, א וואוילער שבת, דער איינציגער שבת.

— וואס איז—פרעג איך—וואס איז דער היינטיגער שבת מעהר פון אנ'אנדערן שבת, אלע שבתים זענען דאך געמאכט געווארען דערויף, אז מען זאל רוהען. — ניין—זאגט ער—א סוחר, וועלכער איז א גאנצע וואך פערהארעוועט אין געשעפט האט שבת ערשט קיין מנוחה נישט. אדרבה, שבת ווערט ערשט דער ריכטיגער הארמידער: אין די בענק, סקארב, מאגיסטראט, נאך גוט, וואס די קהלה איז שבת פערמאכט; דאן די פאסט און נאך אנדערע ענינים צו וועלכע מען האט אינדערוואכען קיין צייט נישט. דער היינטיגער שבת איז אבער אויסגעפאלען דעם 2 לוטי, יום-טוב, אלץ איז געשלאסען, אפילו קיין פאסט דערהאלט איך נישט, פיהל איך ערשט, אז ס'איז שבת אויף דער וועלט. און מיט א זיפץ, וואס איז ארויס פון טיעפען הארץ פון א יודישען סוחר, האט זיך געהערט דאס טיעף כאראקטעריסטישע ווארט, וואס האט א גרויסע בעדייטונג פאר אונזערע פערהעלטנישען:

דער איינציגער רוהיגער שבת'דיגער שבת...

זי האט געוויינט מיט ביטערע טרעהרען.

ס'זענען נישטא קיין ווערטער, וואס זאלען קאנען אויסדריקען די טיעפע טראגעדיע פון די מענשען, וועלכע מוזען אנקומען צו די „תומכי עניים" נאך א שטיקעל חלה אדער ברויט. דאס זענען מענשען בכבוד'ע, וועלכע האבען ממש נישט קיין טריקען שטיקעל ברויט און זיי דערנעהרען זיך בלויז פון דעם, וואס זיי בעקומען פון די גוט-שבת-יודעלעך.

געווען איז דאס דעם פערגאנגענעם שבת, מען האט שוין צוטיילט איבער 275 פארציעס און ס'זענען פערהאן נאך פעטענטען, וואס ווארטען אויף זייערע פארציעס און היות ווי שבת קאן מען נישט צוקויפען (דאס טהוען זיי ערשט שבת-צו-נאכטס, זיי קויפען צו עטליכע צעהנדליג קילא חלות און אויך אזוי פיעל ברויט), בלייבט שטעהן א מיידעל מיט'ן ליידיגען קאשיק נאך איהר פארציע, אויף וועלכער עס ווארט די גאנצע פאמיליע. ווען מען האט איהר געזאגט, אז ס'האט שוין אויסגעפעהלט, האבען זיך אנגעהויבען גיסען פון איהרע ליכטיגע שווארצע אויגען טרעהרען און ווען דו האסט געקוקט אויף די דאזיגע טרעהרען, האסטו געזעהן דאס בילד פון איהר היים, ווי אין בעט ליגט א קראנקער טאטע, ביי די קאלטע קוך זיצט אנ'אלטע שוואכע מוטער און אין שטוב דרעהען זיך ארום הונגעריגע קינדערלעך און ביי יעדען ריהר דאכט זיך זיי אויס, אז זייער שוועסטערל קומט צו געהן מיט די חלות און ברויט, וואס זיי וועלען עסען און זיי מאלען זיך אויס דאס גליק,

וועניגסטענס אייער לאַגע, ליבע פריינד, און זאָל אייך וועניגסטענס זיין בעוואוסט, אַז די לאַגע איז נישט אַזוי שעהן און הערליך, ווי איהר האָט זיך דאָס אויסגעמאָלט בשעת איהר זייט געגאַנגען צו די וואַהלען צום 18-טען קאָנגרעס.

איהר האָט דאַמאָלס גערעכענט, ווי יענער סוחר, וועלפער האָט, איינקויפענדיג אַ פּאָר וואָגאָן קאָרן, אויסגערעכענט, אַז ווען עס וועט נישט זיין קיין געראָטען יאָהר און קאָרן וועט שטייגען אויף 20 פּראָצ. און ער וועט דאַמאָלס פערקויפען דאָס קאָרן, וועט ער פערדינען אויף אַ יאָהר פּרנסה און נאָך פעראיבריגען אַ פּאָר טויזענד זלאָטעס. איז אָבער יאָ געווען אַ געראָטען יאָהר און נישט בלויז, וואָס קאָרן איז נישט געשטיגען, נאָר ס'איז ביליגער געוואָרען מיט 30 פּראָצ. און פערקויפענדיג ענדליך דאָס קאָרן איז ער גאָר אָרימער געוואָרען מיט אַ העלפט.

יאָ, ליעבע פריינד, נישט בלויז, וואָס איהר קריגט נישט מעהר סערטיפיקאַטען, נור איהר קריגט אפילו נישט דאָס, וואָס עס קומט אייך לויט פּראָפּאָרציע און אויף דער קאָנטאָ האָט איהר דאָס געגרינדעט די חלוצישע האַנדווערקער - אָרגאַניזאַציע... איהר האָט דאָך „געפּאַכטעט" מיט דעם סערטיפיקאַט, ווייל גרינבוים איז דאָך עפּיס סערטיפיקאַטען-מיניסטער! עס האָט אייך נישט געלוינט, אַז די חלוצישע האַנדווערקער זאָלען זיך געפינען אין האַנדווערקער - פערבאַנד און אַז דעם עול פאַר האַנדווערקער-סערטיפיקאַטען זאָלען אויף זיך נעמען אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען גלייך. איהר האָט געוואָלט האָבען דעם איינפלוס. נו, זאָגט יעצט, וויפיעל סערטיפיקאַטען האָט איהר פאַר אייערע האַנדווערקער חלוצים בעקומען? יאָ, מיינע פריינד, איהר האָט דעם חשבון געמאַכט אָהן בעל-הבית און דער בעל-הבית איז פּאַרלויפיג דער לינקער קלאַסענקעמפערישער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסט מיט דעם ציוניסטישען צונאָמען...

מיט זיי וועל איך זיך אַנ'אַנדער מאָל בעשעפטיגען.

פ. בלומענקראַנץ.

טעאַטער-נאָטיצען.

קאַמעראַל-טעאַטער. „אונטער צוואַנגס-פערוואַלטונג" פאַרס אין 3 אַקטען פון פ. אַרנאַלד און ע. באַך. רעזשי: סט. דעמביטש.

ווערענדיג אפילו אין קורצען איבערדערצעהלען דעם ספּור-המעשה פון דער ערשט-דערמאַנטער פאַרס, וואָלט עס צופיעל אָרט פערנומען און דער עיקר — ס'וואָלט דעם טעם אַוועקגענומען פון'ם דאָזיגען העכסט-סימפּאַטישען און פרעהליכען שטיק.

און עס איז לגמרי נישט נויטיג אפילו לשם קלאָרקייט. וואָרום נישט די פאַבולע איז דער גורם, וואָס די זאַך זעהט זיך גערן, נור די מאַסע איינפאַלען און פיינע קאָמישע סצענעס, וואָס רופען אַרויס שטאַרקע פרעהליכקייט און הייטערקייט ביי די צושויער.

וויען, די דאָזיגע גוטמוטיגע שטאָדט, שפּייזט לעצטענס מיט סימפּאַטישע מוזיקאַלישע פילמען און אויך מיט לייכטע, האָפערדיגע סצענישע שאַפונגען.

אויך אין דער ריכטונג פון לייכטקייט און זאָרגלאָזיגקייט געהן די דערמאַנטע מחברים. זיי דעקען נישט אויף קיין נייע האָריזאָנטען, גריבלען זיך נישט אין ענינים, העומדים ברומו של עולם, נור דערצעהלען אונז אויפ'ן ווינער שטייגער א לוסטיגע מעשה פון אַ געשעפטס-אייגענטימער שילינג, וועלכער מאַכט שלעכטע געשעפטען און וויל זיך ראַטעווען דורך רייך חתונה האָבען. די קאַנדידאַטין אויף זיין כלה, אגב א קאָנסול'ס א טאָכטער, דערוואוסט זיך דערפון און ווערט אונטער אַ פרעמדען נאָמען זיין סעקרעטאַרין. דערווייל זעצט מען אַריין אין געשעפט אַנ'אויפזעהער, וואָס דאַרף אַדורכפיהרען איינשפּאָרונגען. דעם אייגענטימער'ס געליעבטע, אַנ'אַקטריסע, מורא האָבענדיג אַרויסגעשטופּט צו ווערען פון איהר ווילע, פוצט זיך צו צום אויפזעהער, דעם פּראָווינצער בטלן...

אָבער וואָס וועל איך אייך ברייען א קאַפּ! איהר ווייסט פון דעם אַלעם נישט האָבען אפילו א בלאַסען בעגריף וועגען דעם שפּראַצענדען הומאָר, קאָמישע שפּיצלעך, קווי-פּראָ-קוואָ'ס, וואָס קומען אַרויס פון די אַלע פּלאָנטערנישען. אין געוויסע מאָמענטען קייכט דער עולם פון געלעכטער און מ'אַפּלאַדירט די אַקטיאָרען אין מיטען שפּילען.

און מ'מוז צוגעבען צום שבח פון די מחברים, אַז דער הומאָר איז נישט קיין באַנאַלער ווי אין דער פאַרס „כ'וויל טאַקי דיך". להיפך, ער פליסט אַרויס פון די אַהנצאַהליגע קאָמישע סיטואַציעס, וועלכע זענען איינפאַלעריש און סצעניש גוט אַהערגעגעבען געוואָרען.

און הגם דער דריטער אַקט איז — להיפך צום אָנגענומענעם כלל — דער שוואַכסטער און פערמאָגט פיעל ווייניגער טעמפּאָ ווי די ערשטע צוויי (וואָס איז אונבעדינגט אַ חסרון אין דער גופא קאָנסטרוקציע) — מאַכט די פאַרס אין אַלגעמיין אַ דאַנק איהר טעמפּאָ, הומאָר, דינאַמיק, פיינער איינפאַלערישקייט אַ גוטען איינדרוק און מ'זעהט זי זעהר גערן.

* * *

וואָס איז ווידער שייך דעם שפּילען פון די אַקטיאָרען מוז מען אויך צוגעבען, אַז עס איז געשטאַנען אויף דער געהעריגער הויך. אַלע האָבען געשפּילט. גאָר בעזונדער אָבער האָבען אויסגענומען: גוראָווסקי אַלס אויפזעהער, א. וואַנסקאַ אַלס זינגערין פּילי אַנגאַרא און ז. לידקע אַלס שילינג.

גוראָווסקי איז באמת אַ פיינער כאַראַקטער-אַקטיאָר. מיר האָבען אין איהם איינעם פון די בעסטע כחות פון'ם יעצטיגען אַנסאַמבל.

וואַנסקאַ, אין וועמעס שפּילען ס'בעמערקט זיך אָפט געקינסעלטקייט, האָט דאַסמאָל אימפּאָנירט. זי בעזיצט זעהר גוטע אויסערליכע בעדינגונגען און האָט געשפּילט מיט ווערווע, הגם ס'האָט זיך אויך דאַסמאָל געפיהלט אין געוויסע מאָמענטען נישט-עהרליכקייט אין שפּילען און שאַרזש.

אויך אַלע איבעריגע, ווי: דעמביטש, בראָדזשיקאָווסקי א. א. (שווער אַלע אויסצורעכענען) האָבען געלונגען אויסגעפיהרט זייערע ראָלען. ס'האָט אויף זיך געצויגען די אויפמערקזאַמקייט דער ניי-אַנגאַזשירטער אַרטיסט ז. טאַקאַרסקי. נאָר וועגען איהם וועלען מיר מסתמא האָבען די געלעגענהייט צו שרייבען אַ צווייט מאָל.

בקיצור: עס זיצט זיך מיט הנאה די עטליכע שעה אין טעאַטער, מ'לאַכט האַרציג און פערגעסט אַביסעל דעם פערדרוס צו דער דירעקציע צוליעב די לעצטע נישט-געלונגענע אויפפיהרונגען.

* * *

אָבער נישט קוקענדיג אויף דער לעצטער נישט-שלעכטער אויפפיהרונג ווילען מיר דאָך זאָגען עטליכע ווערטער וועגען דער טעטיגקייט אין אַלגעמיין פון'ם היגען טעאַטער אין לויפענדען סעזאָן. מיר האָבען אפילו געוואָלט דעם ענין ווידמען אַ בעזונדער אַרטיקעל, כדי איהם ברייטער אַרומצורעדען. מיר וועלען אָבער דערווייל זיך בעגנוגענען מיט עטליכע בעמערקונגען און דאָס איבעריגע לאָזען אויף אַנ'אַנדער מאָל.

תמיד האָבען מיר זיך בעמיהט צו פערענטפערן די דירעקציע אויף די פאָרוואורפען, אַז זי האַלט זיך נישט ביי אַ געוויסער ליניע, פערשטעהענדיג, אַז די ספּעציפישע בעדינגונגען פון אַ פּראָווינצער טעאַטער ערלויבען עס נישט.

אָבער די טעטיגקייט פון דער דירעקציע אין לויפענדען סעזאָן, ווייזט, אַז זי איז איבערגעשריטען דעם „גאָלדענעם וועג" און דערנעהנטערט זיך צו פערוואַנדלען דאָס טעאַטער אין אַ פאַרסען-און קאָמעדיען-טעאַטער.

אַבסטראַהירענדיג דערפון, אַז די לייטונג פערשמעלערט אַזויערנאָך איהר אַרבייטס-פעלד (וואָרום דאָס איז אפשר איהר זאַך), געפונען האָדורך אָבער נישט אַ גרויסע צאָהל טעאַטער-בעזוכער קיין גייסטיגע בעפרידיגונג — און דאָס איז שוין נישט קיין ענין פון דער בלויזער לייטונג...

מיר ווייסען, אַז א בעדייטענדע צאָהל בעזוכער בעקלאָגען זיך אויף דעם איינזשאַנרעדיגען און פאַר זיי נישט אינטערעסאַנטען רעפּערטואַר. אמת, די לייטונג האָט נישט קיין יכולת צוצופּאַסען זיך צו די דאָזיגע פאָדערונגען אין דעם גאַנצען פערנעם. אָבער, אַז די פערלאַנגען פון די „גרימאַשנע" בעזוכער דאַרפען אין אַ געוויסער מאָס בעריקזיכטיגט ווערען — אונטערליגט דאָך נישט קיין ספק.

און מען טהוט עס נישט!

נאָך דער ערשטער מעהר-איינפאַלערישער — פון רעזשיסערישען שטאַנדפונקט — פּיעסע „סיגנאַלען" — האָט מען כמעט רעזשיסעריש, דעקאָראַטיוו גאָרנישט אויפגעטהון ביי איינצייטיג פולשטענדיגער איגנאָרירונג פון ערנסטען רעפּערטואַר (אויסער „ענדע-קונג"), טראָץ דעם, וואָס אין פּראָספּעקט זענען געווען פאָראויסגעזעהן אַ גאַנצע רייה אינטערעסאַנטע סצענישע שאַפונגען.

מיר האָבען שוין געהאַט אָנגעמערקט מיט אַ קורצער צייט צוריק וועגען דער נויטווענדיגקייט צו בעריקזיכטיגען דעם ערנסטען רעפּערטואַר און מיר זעהן דערווייל נישט קיין שום קאָנקרעטעס.

מיר ווענדען זיך דעריבער צום דיר. ה' א. גאַל און ערלויבען זיך איהם אויפמערקזאַם צו מאַכען, אַז לויט אונזער מיינונג זענען די אויפפיהרונגען אין איצטיגען סעזאָן צופיעל איינזשאַרענדיגע. און נישט נור, וואָס די לייטונג פערשמעלערט אַזוי אַרום קינסטלעריש איהר אַרבייטס-פעלד, נור פערלירט אויך דורך דעם אַ געוויסע (יעדענפאַל) צאָהל טעאַטער-בעזוכער, וועלכע זוכען מעהר אויסלעבונג, מעהר אינהאַלט און מעהר ערנסטקייט אין טעאַטער.

קלאָרער:

אויב מיר האַלטען, אַז טעאַטער אויסער פערוויילונג דאַרפט אויך, כאָטש עטוואָס, קינסטלעריש אָנרעגען און ערפולען אַ געוויסע געזעלשאַפטליכע ראָל — טהוט דאָס היגע טעאַטער אין איצטיגען מאָמענט דאָס דאָזיגע, אפילו אין אַ בעשיידענער מאָס, נישט ערפולען.

און עס איז אַ גרויסער שאָד סיי פאַר דער לייטונג און סיי פאַר'ן טעאַטער-עולם!

וויכטיג פאַר אָבפאָהרענדע נאָך ארץ-ישראל.

אין אָנהויב פעברואַר ד. י. ווערט אָרגאַניזירט א צווייטע גרופּע פון די עקזיסטירענדע פּאַסאַדעקס-קורסען ביי די אָרג. „החלוץ הלאומי". דער קורס וועט געפיהרט ווערען דורך אינזשיניערען-ספּעציאַליסטען און קוואַליפיצירטע מייסטער. די לעהרע ווערט געפיהרט אויף א פּראַקטישען סיסטעם לויט די מעטאָדען אין ארץ-ישראל. דער קורס וועט דויערן 2 חדשים. נאָכ'ן ענדיגען דעם קורס וועלען קאָנען די צוהערער צוטרעטען צו זעלבסטשטענדיגע אַרבייט. ס'איז פאָראויסגעזעהן א בעצאָהלטער פּראַקטיק. פאַר די צוהערער פון פּראָווינץ איז אָרגאַניזירט געוואָרען א אינטערנאַט צו מעסיגע פרייזען.

גענויע אינפאָרמאַציעס ערטיילט דער סעקרעטאַריאַט פון די קורסען: וואַרשא, מיעדזיאַנע 3 וו. 25, נאָכ'ן ביילעגען אַ פּאָסט מאַרקע אויף א ענטפער.

ווען זיי וועלען זיך אָנעסען צו דער זעט. און דאָ זאָגט מען איהר, אַז עס האָט אויסגעפעהלט די פּאָרציע.

די ה"ה פון „תומכי עניים" האָבען קענטיג פערשטאַנען די דאָזיגע טרעהרען און זענען מיט דעם מיידעל אַוועק צום ערשטען בעקער און איהר געגעבען עטליכע קילאָ חלות און ברויט. זי האָט ווידער געוויינט, אָבער דאָס זענען שוין געווען טרעהרען פון אַ יוגענדליכער פרייד און גליק.

ווי קאָן מען נישט משוגע ווערען, ווען מען זעהט, ווי אַזאַ אונשולדיג קינד וויינט מיט ביטערע טרעהרען צוליעב אַ שטיקעל ברויט.

אַ גוטער איינפאַל.

די וועלט געהט אַלץ פאָרווערטס, מען טראַכט אַלץ אויס פרישע איינפאַלען, וואָס פערלייכטערען די מענשען דאָס לעבען.

איך מיין דאָס אַקעגען דעם, וואָס פריהער, אַז מען האָט חתונה געמאַכט אַ קינד, האָט מען געמאַכט פאָרברייטונגען, וועלכע האָבען אָבגעקאָסט אַ הון מיט געלד. לעצטענס אָבער האָט מען אויסגעפונען, אַז מען קאָן נעמען חופה וקידושין ביים רב און מען איז יוצא.

היינט איז ווידער אַ נייע ערפינדונג, אַז ווען א פרוי ריכט זיך אין קימפעט, געהט זי אוועק אין שפּיטאַל אין די קימפעטאָרען-אָבטיילונג. טאָמער ווערט געבוירען א יונגעל, גיט מען זיך אַנ'עצה אויך מיט'ן ברית, וואָרום ס'איז דאָך נישט שייך, אַז מען זאָל אין שפּיטאָל מאַכען א האַרמידער מיט א סעודה אדג"ל.

דעם לעצטען שבת בין איך פערבעטען געוואָרען אויף אַזאַ ברית אין יודישען שפּיטאָל, האָט מען דאָרט אין א שטיבעל געמאַכט דעם ברית, דאַן איז דער עולם פערבעטען געוואָרען אין דער סאַלע נעבען דער קוך, געמאַכט אַ „לחיים", פערביסען מיט א שטיקעל לעקעך און געזאָגט א גוטען שבת.

קיין פּרעטענסיע קאָן דאָך קיינער נישט האָבען — אז מען מאַכט נישט קיין גרעסערע צערעמאָניעס.

האָ, ווי זאָגט איהר, א גוטער איינפאַל!...

אויך א קאָנקורענץ...

אַזוי איז שוין אויף דער וועלט, אַז מען קען לעבען, נאָר מען לאָזט נישט; אַז אויף אַלע געביעטען קומט פאַר א קאָנקורענץ און יעדער וויל אַרויסרייסען דאָס ביסען יענעם פון מויל. און נישט בלויז ביי סוחרים, פאַבריקאַנטען, אָדער ביי קהל'ה'ישע קאָכלעפעל קומט פאַר אַ קאָנקורענץ, נאָר אפילו אויך ביי די טירען-געהער, ביי די שנאָרער קומט פאַר א קאָנקורענץ און איינער פערגינט נישט דעם צווייטען.

צו אונז אין רעדאַקציע איז די וואָך געקומען א דעלעגאַציע פון היגע אָרימע-לייט מיט אַ בקשה צו דער „פאַני רעדאַקציע", וועלכע זאָל אַריינשטעלען אַנ'אַרטיקעל געגען די פרעמדע אָרימע-לייט, וואָס מאַכען קאָנקורענץ די היגע איינגעבוירענע בעטלער תושבים.

— מיר זענען היגע געבוירענע — טענה'ן זיי — און בעטלען איז אונזער פאַך פון אייביג אָן. די בעלי-בתים קאָנען שוין אונז און מיר בעקומען אונזער נדבה בכבוד. קומען אָבער אַהער פרעמדע שנאָרער, וועלכע געהן אונז אין דער פּרנסה; וואָלטען זיי כאָטש איינמאָל אַרומגעגאַנגען איבער די הייזער און אוועקגעפאָהרען, וואָלט אויך גוט געווען, געפעלט זיי אָבער די שטאָדט, זיצען זיי היינט גאַנצע חדשים און נישט איינמאָל טרעפט, אַז ס'קומט אוועק ערגיץ אין א שטוב א פּאַלטען אָדער אַנ'אַנדערער חפץ און דער סוף איז, אַז מיר ווערען קאָמפּראָמיטירט, וואָרום אונזער אָנזעהן ווערט געפאַלען אין די בעלי בתים'ס אויגען.

א סוף זאָל עס נעמען, אַזוי ווייטער קאָן עס נישט געהן, עס איז ריכטיג ווי מען זאָגט, איבער די פרעמדע קענען די היימישע נישט לעבען.

האָט רחמנות — בעט זיך צום סוף די דעלעגאַציע — מיר זענען דאָך היגע געבוירענע, נעמט זיך אָן אונזער עולה, צוערשט איהר און דערנאָך די קהלה און אַז דאָס וועט נישט העלפען, וועלען מיר זיך ווענדען צו דער פּאָליציי, מיר וועלען זיך נישט לאָזען מאַכען פון די פרעמדע קיין קאָנקורענץ...

כ'בין זיי מקנא.

אויף דער אַקאַדעמיע, וואָס איז פאָרגעקומען לכבוד דעם געבורטסטאָג פון פּרעזידענט איגנאַצי מאָשטשיצקי אין קאַמעראַל-טעאַטער, איז צווישען אַנדערע אויך אויפגעטרעטען דער כאָר פון דער „פּאָכאָדניאַ".

איך מיין נישט איצט צו רעצענזירען, צי דער כאָר האָט גוט געזינגען, צי שלעכט, צי ער האָט נשמה אָדער ער איז נישט לעבעדיג, איך וויל נאָר דאָ זאָגען, אַז קוקענדיג אויף דעם כאָר האָט אַ וועהטאָג מיך אַרומגענומען אויף אונזער דלות, אויף אונזער נעבעכדיגקייט.

אָט האָבען מיר געהאַט א „לירא" אין טשענסטאָכאָוו מיט אַ הערליכען כאָר, איז די „לירא" געשטאָרבען און דער כאָר אַוועקגעקומען, האָבען מיר שפּעטער געהאַט אַ מענער-כאָר פון א. ב. בירנבוים האָט ער געגעבען עטליכע פיינע קאָנצערטען און האָט אויך געמאַכט „לך". און אָט האָבען מיר היינט נישט קיין איין קולטור-ווינקעלע, אינדערצייט, ווען מיר וואָלטען ביי דער קלענסטער אָנשטרענגונג געקאָנט האָבען אַ פיינעם, אַ גלענצענדען כאָר, וואָס וואָלט געווען אונזער שטאָלץ, ווייל מיר פערמאָגען דאָך שעהנע הערליכע זינגער.

אַ קלאָג און אַ חורבן איז צו אונז און אונזער יודישער גאָס, אַז ביי אונז — —

וואָס שייך צו זאָגען, כ'בין זיי מקנא!

אַ גרוס און אַ גוטע בשורה.

פערהאַן אַ סך טשענסטאָכאָווער יודען, וועלכע קאָנען בשום אופן נישט פערגעסען און בענקען שטאַרק נאָך אונזערע האַרציגע ליבע אַרטיסטען: יוסף כאַש, קדיש, נחמה, אברהמעלע גראָדנער, אידינאַ און די איבריגע יאַטען פון דער פרעהליכער כאַליאַסטרע, וואָס האָבען איבערגעלאָזט ביי אונז אַזאַ גוטען נאָמען.

קאָן איך אייך יעצט אין נאָמען פון דער דאָזיגער האַרציגער חברה אָבגעבען אַ וואַרימען גרוס און גלייכצייטיג א בשורה, אַז פונקט אין 2 וואָכען אַרום, ד. ה. דעם 22 און 23 ד. ח. וועלען זיי זיין אונזערע געסט אין טשענסטאָכאָוו.

זיי האָבען געוואָלט צו אונז קומען אויף עטליכע וואָכען, נאָר אַזוי ווי מיר זענען ליידער געבענשט מיט אַ צרה און נישט מיט קיין טעאַטער-זאַל, קומען זיי נאָך גרויסער אָנשטרענגונג נור אויף איינצעלנע געצעהלטע פאָרשטעלונגען.

אַלזאָ, אַלע ליעבהאָבער פון דער כאַש-קאַדיש-טרופּע, אייער טרוים זיי ווידער צו זעהען שפּילען ביי אונז איז מקוים געוואָרען. זיי קומען, אונזערע ליעבע האַרציגע חברים, צו אונז און מיר, זאָלען מיר זיך קוויקען מיט זייערע אויפטריטען.

אַ יום-טוב, אַ גרויסער יום-טוב, ערוואַרט דאָס יודישע טשענסטאָכאָווער טעאַטער-פּובליקום.

די בעסטע עצה...

אויף דער אַלגעמיינער פערזאַמלונג פון „זש. ט. ק.", וואָס איז פאָרגעקומען די וואָך האָט מען געטראַכט וואָס צו טהון, אַז די געזעלשאַפט זאָל קאָנען עקזיסטירען, אַז די אַלע קולטורעלע און ספּאָרט, ווי אויך טוריסטישע אונטערנעהמונגען גיבען זיך נישט איין טאַ פון וואַנען שעפּט מען הכנסות?

האָט מען געטראַכט, געטראַכט און גאָרנישט געקאָנט זיך דערטראַכטען. איז מיר איינגעפאַלען: קאָרטען. זאָל די זש. ט. ק. איינאָרדנען, אַז מען זאָל שפּילען אין קאָרטען: ברידזש, פּאָקער א. ד. גל. די אימפּרעזע וועט בעשטימט האָבען ערפאָלג. איי, וועט איהר דאָך פרעגען, ווי קומט די געזעלשאַפט צו קאָרטען? אויב אַזוי קאָנט איהר דאָך דאָס זעלבע פרעגען אויף אַ סך אַנדערע אינסטיטוציעס ביי אונז אין שטאָדט, וואָס האָבען גאָר אַנדערע אויפגאַבען און פונדעסטוועגען איז דער הויפּט-מקור פון זייער טעטיגקייט קאָרטען. און נישטקשה — זיי מאַכען גוטע געשעפטען, קיין דעפיציט · יעדענפאַלס האָבען זיי נישט, דעריבער איז מיין עצה — קאָרטען, אפשר, נישט אפשר, נאָר ס'וועט בעשטימט העלפען.

דאָס, מיינע פריינט, איז די בעסטע עצה...

לויתן

ווילנער נייעס.

מאגיסטראט-סובסידיעס.

דער שטאדט-ראט האט אויף זיין ערשטער בודזשעט-זיצונג אין דער ערשטער לעזונג בעשטעטיגט די פראלימינירטע סומע, אזוי ווי פאראיאהר, 1.000 זל. פאר דער „יבנה“-שולע, פאר יסודי התורה—1.000 זל., בית-יעקב-שולע—500 זל. און פאר לינת הצדק נור 600 זל., אנשטאט פאראיאהר 1000 זל.

עס איז כדאי צו בעמערקען, אז דער בירגערמייסטער ה' נאוויצקי האט זיך זעהר גינסטיג בעצויגען צו די דאזיגע יודישע סובסידיעס.

דעם „לינת הצדק“ האלטען מיר, איז געטהון געווארען א גרויסע עוולה דורכ'ן רעדוצירען איהם די סובסידיע און דאס אין א צייט, ווען די נויט וואקסט און די צאהל פון די, וואס קומען אן אין אמבולאטאריום פון „לינת הצדק“ פערגרעסערט זיך פון טאג צו טאג.

אין קורצען דער 5-יעהריגער יובל פון קן בית"ר.

דער ווילנער קן פון בית"ר גרייט זיך איינצוארדנען דעם 16-טען ליטי א גרויסע פייערונג, וועלכע איז פערבינדען מיט 5-יעהריגער עקזיסטענץ פון קן.

אין דער פייערונג וועט אנטייל נעמען איינער פון די בעקאנטסטע פיהרער פון דער בית"רישער וועלט, ווי אויך בית"רים פון דער אומגעגענד.

דער פראגראם פון דער פייערונג זאגט זיך פאר צו זיין זעהר אינטערעסאנט.

אפעריסטען אין דער ראל פון געהיים-אגענטען.

אין דארף ראדאשיץ זענען צוויי אונבעקאנטע פערשוינען אריין אין הויז פון דארטיגען איינוואוינער אלעיטשיק און גענומען נישטערן אין דער וואוינונג, זאגענדיג, אז זיי זענען געהיים-אגענטען און זוכען סאכארין. די פרוי איז די זאך פארגעקומען פערדעכטיג און זי איז צו צום פענסטער און געמאכט אנ'אלארם.

די אפעריסטען האבען זיך דערשראקען און זענען נעלם געווארען.

פון א וואגאן פאמעראנצען קוים 300 קג.

די „צענטראלא האנדלאווא“ האט אנגעקינדיגט און זיך אנאנסירט, דאס זי בעקומט א גאנצען וואגאן פאמעראנצען, וועלכען זי וועט פערקויפען צו גאנץ ביליגע פרייזען.

אויסגעלאזט האט זיך, דאס זי האט בעקומען קוים 300 קג., וועלכע זענען אין פערלויף פון עטליכע שעה פערקויפט געווארען צו 1.55 א קילא.

די צאהל אורחים וואקסט.

נישט קוקענדיג, וואס ס'איז ווינטער איז אונגעהויער גרויס דער שטראם אורחים, וואס געהט אדורך ווילנע. בלויז אין משך פון די לעצטע צוויי וואכען זענען אדורכגעגאנגען 221 אורחים. דער „מעות עניים“ (אבפערטיגעלד) ליידט דעריבער פון גרויסען געלד-מאנגעל, בפרט ווען אין ווינטער בעקומען די אורחים גרעסערע נתינות. דער „מעות עניים“-קאמיטעט בעקלאגט זיך, אז ס'זענען פערהאן אזעלכע, וואס רייסען אב פון וואכען-געלד און אזעלכע, וואס צאהלען נישט פונקטליך. עס איז אנ'אונרעהערטע עולה פון די יעניגע, וואס גראבען אונטער די עקזיסטענץ פון דער דאזיגער אזוי וויכטיגער אינסטיטוציע.

ווידער בעגנב'עט מארק-פאהרער.

אויפ'ן וועג פון אסיאקאווער מארק האבען גנבים פון דער פוהר פון מארק-פאהרער יוסף פרוימאן ארויסגעגנב'עט א קאסטען מיט טריקאט און שערצען אין ווערט פון 250 זל., וואס דאס איז כמעט זיין גאנץ פערמעגען.

שוין א סך מארקפאהרער זענען געווארען פעראומגליקט דורך פערברעכערישע גנבים, וועלכע נוצען אויס דאס דרימלען פון די מיעדע מארקפאהרער.

א מעשה מיט א דיענסט, וואס האט גע'גנב'עט 10 זל. און אנטלאפען.

דאס קריסטליכע משרת ביי ק. ברום האט דערטאפט אין די בגדים פון איהר בעל-הבית, וואס האבען געהאנגען אין קליידער-שאנק א 10 זל. מטבע. דער חשק פון בעזיצען דעם „הון רב“ האט זיך ביי איהר ערוועקט. מיט א קלאפעדיג הארץ, ארומקוקענדיג זיך, צי עס זעהט נישט קיינער, האט זי די מטבע ארויבגעלאזט אין בוזעם אריין, צוזאמענגענומען דאס ביסעל זאכען איהרע און ארויסגעשארט זיך בגנבה פון שטוב.

וואס קען זיין וויכטיגער פאר א שיקסע ווי א קליידעל, איז זי אריין אין א מאנופאקטור-געשעפט, אויסגעוועהלט זיך א שטאף און נישט האנדלענדיג זיך פיעל, האט זי געקויפט 3 מעטער פאר 10 זל., די פערקויפערין האט איהר אבגעמאסטען דעם שטאף און פיין פערפאקט. בעקומענדיג אבער די מטבע, האט זי אויסגעשטעלט אויף דעם שיקסעל א פאר אויגען: א פאלשער 10 זל. שטיק! דאס שיקסעל איז געווארען רויט און טויט און אנגעהויבען שמאלען, אז זי האט בעקומען פון דער „פאני“ און געוואלט ארויסגעהן פון געוועלב. די פערקויפערין האט זי נישט געוואלט אבלאזען, געהייסען זיך ווייזען וואו זי דיענט, עס איז אבגעשניטענע סחורה... לאין ברירה האט זי געמוזט מיטגעהן ביז צו דער טהיר. דער בעל-הבית ברום, וועלכער האט נישט געוואוסט פון קיין פותר און פון קיין חלום פארוואס דאס משרת איז פלוצלינג אוועק, האט דערקענענדיג דעם פאלשען 10-זלאטי שטיק, וועלכען ער האט געהאט ליגען, זיך הארציג צולאכט, אבגענומען פון דער קרעמערקע דעם 10 זל. שטיק און איהם גוט בעהאלטען, אז ער זאל דעריבער נישט פערלירען א צווייט משרת...

מיט א ווידלע אין פנים אריין.

אין דארף וויערזשכילאס איז פארגעקומען א פארפאל בעת דעם אויפלאדענען היי אויף א וואגען. דער ארבייטער יאן וואלניאק, וועלכער איז געשטאנען אויף דער פוהר, האט אנשטאט אין בינטעל היי נישט געטראפען מיט דער ווידלע געטראפען אין פנים אריין א צווייטען ארבייטער יאן קארנאל. דער לעצטער איז שווער פערוואונדעט געווארען און פערלוירען אנ'אויג.

אריגינעלע, נאכנישט געזעהענע אימפרעזע פון קרן קימת.

די קרן-קימת קאמיסיע, וועלכע האט מיט אזא גרויסען ערפאלג אדורכגעפיהרט דעם באזאר, איז צוגעטרעטען צו ארגאניזירען אין די נאהנסטע וואכען א זעהר אריגינעלע, נאך נישט פארגעקומענע אין אונזער שטאדט פעראנשטאלטונג און נעמליך א. ג. „א נאכט אין תל-אביב“.

לויט'ן מוסטער פון אנדערע שטעדט, וועט די אימפרעזע זיין רייך אין פערשידענע אטראקציעס און אריגינעלע כאראקטעריסטישע פערוויילונגען.

אין די קינפטיגע נומערן וועלען מיר אינפארמירען וועגען די צוגרייטונגען און פראגראם פון דער באל-אימפרעזע.

שיעור דערטרינקען געווארען.

אונטער דעם 12-יעהריגען זדזיסלאוו סוליקאווסקי, וועלכער האט געוואלט דינסטאג זיך גליטשען אויף דעם האלבצוגאנגענעם אייז אין שטאדט - פארק, האט זיך דאס אייז איינגעבראכען און קוים וואס ס'איז געלונגען איהם ארויסצוציהען פון דעם שניידיגען קאלטען וואסער.

די מאזלען-עפידעמיע.

די מאזלען-קראנקהייט-עפידעמיע ביי קינדער האלט נאך אלץ אן אין א שארפער פארם. עס זענען געוועזען א סך פאלען מיט קאמפליקאציעס, זאגאר עטליכע טויטפאלען, מעהרסטענטייל ביי קריסטליכע קינדער.

טשענסטאכאווער נייעס.

צו וואס זיך לעכערליך מאכען?

(אנ'ענטפער דעם ה' אינזש. פייגין).

דעם ה' פייגין האט זיך פערגלוסט צו ווערען א רעצענזענט פון דער רעוויזיאניסטישער וועלט-קאנפערענץ. ער מאכט אין זיין ארטיקעל א סך-הכל פון דער קאנפערענץ, טראך דעם, וואס ער איז נישט געוועזען אנוועזענד, ער נעמט ארויס פערשידענע אבשניטען פון פערשידענע צייטונגען און קומט צום בעשלוס, אז אלע רעוויזיאניסטען זענען גארנישט קיין רעוויזיאניסטען, אז קיינער האט נישט קיין ווארט אין דער רעוויזיאניסטישער בעוועגונג און פערענדיגט, אז נור די יודענשטאטס-פארטיי איז די איינציגע, וועלכע האט דאס רעכט פון עקזיסטענץ.

ווען דאס ארטיקעל שרייבט אנ'אנדערער, פון וועלכער ריכטונג ער זאל נישט זיין, וואלט מיך נישט געוואונדערט און איך וואלט אפילו נישט געפונען פאר נויטיג צו פאלעמיזירען און ענטפערן, ווייל מיר רעוויזיאניסטען זענען שוין געוואוינט צו לעזען פערשידענע געשמירעכצען. עס וואונדערט מיך אבער זעהר, ווען עס קומט א פערזאן, וואס האט אזוי פיעל צייט געטרינקען פון דאזיגען ברונעם און געארבייט אין דער בעוועגונג און מאכט אזא מין „זאאטשני וויראק“ פון דער וועלט-קאנפערענץ, אין דער צייט, ווען אלע אונזערע פעהביסענסטע געגנער האבען זיך מיט פולער אנערקענונג אויסגעדריקט איבער דער דאזיגער וועלט קאנפערענץ און מיט פולער אכטונג פאר אונזער נאציאנאלער ארבייט און לייסטונגען פאר דעם גרויסען ארץ-ישראל-ווערק.

ס'פרעגט זיך דעריבער, צי איז דאס נישט לעכערליך אזוי צו שרייבען?

איך וואלט געוואלט פרעגען דעם ה' פעגין, צי האט ער נישט דעם זעלבען רעוויזיאניסטישען פראגראם אלס יודענשטאטלער ווי מיר רעוויזיאניסטען? און צי האט ער א אנדערע אידעאלאגיע ווי מיר רעוויזיאניסטען?

מעהר אויפריכטיג אין דעם רעוויזיאניסטיש יודענשטאטלערישען ענין זענען אנדערע יודענשטאטלער, זיי זאגען גאנץ אפען: מיר האבען דעם זעלבען פראגראם, מיר האבען נישט קיין אנדערע אידעאלאגיע, אונז פערדריסט נור דעם „פוטש“, וואס זשאבאטינסקי האט געמאכט און אונז פערדריסט אויך דאס אוועקשטויסען גראסמאנען מיט זיינע חברים.

אמת, איך וואלט אויך געוואלס זעהען גראסמאנען מיט זיינע חברים אין אונזערע רייהען, אבער דאס האט זיי נאך נישט בערעכטיגט צו שפאלטען א בעוועגונג און שאפען פאר זיך א בעזונדער קרעמעל, אבער איך בין זיכער, אז אויך מיט גראסמאנען וועט צו א שלום קומען, „פאן ז'פאנעם שיען זגאדזי“... און איך גלויב, אז איהר, ה' פייגין, וועט ווייטער טרינקען פון דעם דאזיגען ברונעם און ווייטער געניסען פון דעם גרויסען רעוויזיאניסטישען גארטען, וועלכער איז אזוי מעכטיג און שטארק צעוואקסען אויף דער גאנצער וועלט. און דעריבער צו וואס זיך לעכערליך מאכען?

ש. ניעמיראווסקי.

וויל'סטו פערגרעסערן די הכנסות פון קרן-קימת-לישראל

גערענק וועגען באזאר!!!

וועגען אנ'אבטיילונג פון דער געז. „ארט“ אין טשענסטאכאוו.

מיט עטליכע טעג צוריק איז אראבגעקומען צו אונז אין שטאדט א דעלעגאט פון דער הויפט פערוואלטונג פון דער געזעלשאפט צו פערשפרייטען מלאכה און אגריקולטור צווישען יודען „ארט“, ה' מינקאווסקי, מיט'ן צוועק צו גרינדען אין טשענסטאכאוו אנ'אבטיילונג פון דער דאזיגער געזעלשאפט.

ה' מינקאווסקי איז וועגען דעם ענין געקומען אין קאנטאקט מיט פערשידענע היגע עסקנים און אין רעזולטאט איז צונויפגערופען געווארען א פערזאמלונג, וועלכע איז דינסטאג אוועגד פארגעקומען אין לאקאל פון דער קהלה אונטער'ן פארזיץ פון אדוו. מ. קאנארסקי.

דער ערשטער האט גענומען דאס ווארט אויף דער פערזאמלונג ה' מינקאווסקי, וועלכער האט קודם כל אנגעצייכענט פאר די פערזאמעלטע די ציעלען און אויפגאבען פון דער געז. „ארט“, וועמענס טעטיגקייט ס'איז געווידמעט דער פראדוקטיוויזאציע פון די פעראָרימטע יודישע מאסען. די דאזיגע אויפגאבע פיהרט דער „ארט“ אדורך דורך גרינדען האנדווערקער-שולען, קורסען פאר בעלי-מלאכות, פאר געזעלען, אויסגעפינען נייע מלאכה-צווייגען א.א.וו. אזא טעטיגקייט ווערט געפיהרט אין א גאנצער רייהע שטעדט, וואו עס עקזיסטירען אבטיילונגען פון „ארט“ און דעריבער ווייל די הויפט - פערוואלטונג געבען די איניציאטיוו, אז אויך אין טשענסטאכאוו זאל אזא אבטיילונג געגרינדעט ווערען.

דעם ה' מינקאווסקי ענטפערט-אב דער דירעקטאר פון דער היגער האנדווערקער-שולע, אינזש. פרזשיסוסקיער, וועלכער וויזיט-אן דעם דעלעגאט, אז אזעלכע קורסען, ווי עס זענען פארגעזעהן אין טעטיגקייטס-פראגראם פון „ארט“, פערמאגען מיר אייגענטליך אין טשענסטאכאוו. עס זענען געווען איינגעארדענט קורצטערמיניגע קורסען פאר געזעלען, מיר האבען דערגענצונגס-קורסען פאר טערמינאטארען, אבער אויף די קורסען קומען נאר 300 לערן-יונגלעך אויף דער צאהל 800, וואס זענען רעגיסטרירט. ס'איז אויך דא די האנדווערקער שולע, איינע פון די עלטסטע אין פוילען; זי געפינט זיך אבער אין א שווערער לאגע. ס'איז פערהאן א גערטנער-פערמע, געפינט זי זיך אין א קלאגעדיגען מצב; ס'זענען נאך געווען אנדערע פאך אויסבילדונגס פלאצובקעס, האבען זיי זיך געמוזט ליקווידירען צוליב מאנגעל פון מיטלען. דיר. פרזשיסוסקער איז דעריבער אין דער מיינונג, אז די אנשטרענגונגען דארפען קודם-כל געהן אין דער ריכטונג צו דערהאלטען די עקזיסטענץ און צו פערברייטערן די טעטיגקייט פון די שוין עקזיסטירענדע פלאצובקעס.

עס נעמט דאן ווארט דער פארשטעהער פון האנדווערקער-פערבאנד ה' י. גאלדבערג, וועלכער בעקלאגט זיך אויף דער נישט ריכטיגער בעציהונג פון די יודישע אינסטאנצען אין ווארשא צום פראבלעם פון יודישער מלאכה און וויזט-אן אויף די סיבות פון אונטערגאנג פון יודישען האנדווערקער אין לאנד.

מיט'ן מאמענט פון אריינגעהן אין קראפט פון נייעם אינדוסטריע-געזעץ — זאגט ה' גאלדבערג — איז נישט גענוג בלויז צו געבען עמיצען א מעגליכקייט זיך אויסצולערנען א פאך, מען מוז איהם אויך געבען די מעגליכקייט צו ארבייטען לעגאל, אין הסכם מיט די פערפליכטענדע פארשריפטען. די ערשטע אויפגאבע איז דעריבער צו פערגרעסערן די צאהל לעגאלע יודישע בעלי-מלאכות, ווייל נאר אזעלכע מעגען צונעמען לערן-יונגלעך און זיי שפעטער מאכען פאר געזעלען. ס'איז אבער דא א גרויסע צאהל ארימע בעלי-מלאכות, וואס האבען נישט די נויטיגע 150 זל., כדי צו בעקומען דעם מייסטער-דיפלאם. דער „ארט“ דארף דעריבער קודם כל שאפען קרעדיט פאר די דאזיגע האנדווערקער, כדי זיי זאלען זיך איצט קענען לעגאליזירען און שפעטער ביי זיך קענען אויסבילדען א נייעם דור בעלי-מלאכות.

רעד. ש. פראנק בעגריסט די ענטשטעהונג פון א טשענסטאכאווער אבטיילונג פון „ארט“ אנווייזענדיג אויף די נוצען, וואס זי קען ברענגען פאר די פאופעריזירטע יודישע מאסען, אונאבהענגיג פון די שוין עקזיסטירענדע קורסען, וועלכע דארפען פארטזעצען ווי ביז איצט זייער טעטיגקייט.

אויך דיר. פרושיצקי, פרוי שטארק און פרוי גראסמאן זאגען זיך ארויס פאר דעם גרינדען אזא אבטיילונג, געבענדיג דערביי א קאנקרעטען פארשלאג צו גרינדען קודם כל ווירטשאפטליכע און אנדערע פאך-קורסען פאר מיידלעך, וועלכע זענען זעהר נויטיג, ווייל, צוליב די פערפליכטענדע פארשריפטען, ווילען די בעלי-מלאכות נישט אננעמען קיין טערמינאטארען אויף דער לעהר.

ה"ה: ענגעל, גורעוויטש און אדוו. קאנארסקי נעמען די זאך פון פראקטישען פונקט. זיי ווייזען-אן אויף דעם איבערפלוס פון פערשידענע אינסטיטוציעס אין אונזער שטאדט, וואס האלטען זיך אויף הינערשע פיסלעך. זיי פערלאנגען דעריבער, אז ה' מינקאווסקי זאל אויפקלערען ווי אזוי דער „ארט“ קלערט צו פערווירקליכען זיין פראיעקט און אין וואס זיין שטיצע וועט זיך אויסדרוקען.

אלע רעדנער ענטפערט-אב ה' מינקאווסקי, וועלכער ציטירט פערשידענע ציפערן פון דער טעטיגקייט פון „ארט“ אין אנדערע שטעדט. די שטיצע, וועלכע די צענטראלע פון „ארט“ קען ערטיילען דער היגער אבטיילונג איז אבהענגיג פון דער ארבייט דא אויפ'ן ארט און פון די מיטלען, וועלכע עס וועט געלונגען צו שאפען אין טשענסטאכאוו. בנוגע די קורסען פאר דערוואקסענע, ערקלערט ה' מינקאווסקי, אז אזא אונטערנעמונג דארף זיך אליין קענען אויסהאלטען פון דעם לעהרע-אבצאהל און נאך אפילו האבען אנ'עודף.

עס ענטוויקעלט זיך נאך דאן א דיסקוסיע, אין וועלכער די רעדנער ווייזען-אן, אז מען מוז דעם גאנצען ענין בעהאנדלען פארזיכטיג און גענוי אדורכשטודירען אלע מעגליכקייטען, איידער מען וועט צוטרעטען צו גרינדען די נייע אבטיילונג.

די דאזיגע אויפגאבע איז איבערגעגעבען געווארען א ספעציעלען צייטווייליגען קאמיטעט, וואס בעשטעהט פון פאלגענדע פערזאנען: פרעזעס ראזענבערג, אדוו. קאנארסקי, דיר. גראסמאנאווא, פרוי שטארקע, דר. לייזעראוויטש, מ. אש, ב. קורלאנד, י. גאלדבערג, דיר. פרושיצקי, אינזש. פרזשיסוסקער און אינזש. גורעוויטש.

העלפט די אקציע פון יודישען שפיטאל!

די אקציע פאר'ן יודישען שפיטאל איז נאך ווייט נישט גענוגענד. גאר פשוט ס'איז נישטא די פערשטענדניש ביי א גרויסען טייל פון אונזער יודישער געזעלשאפט פאר דעם גרויסען ווערק, וואס רופט זיך: יודיש שפיטאל.

איינצעלנע מענשען מיט דער חשוב'ער פרוי גראסמאן אין דער שפיץ, וועלכע האבען זיך געווידמעט דער דאזיגער ארבייט, זענען פשוט נישט אומשטאנד די אקציע ארומצופאסען אין איהר גאנצען פערנעהם.

עס וואלט דעריבער געווען מעהר ווי א חוב, אז אלע וועלכע ווילען בייטראגען זייערע שפענדונגען פאר'ן יודישען שפיטאל, זאלען נישט ווארטען ביז מען וועט צו זיי קומען, נאר עס טהון אליין, דהיינו: אריינטראגען זייערע נדבות אין דער קהלה אדער אין איינער פון די יודישע בענק אויפ'ן נאמען פון פרוי גראסמאן פאר'ן יודישען שפיטאל און איבערלאזענדיג זייער גענויע אדרעס, וועלען זיי בעקומען די געהעריגע קוויטונגען.

העלפט מיט די רעטונגס-אקציע פאר'ן יודישען שפיטאל!

פון ברית-הצ"הר.

דער חודש פעברואר 1935 ווערט פראקלאמירט אלס פראפאגאנדע - און ווערביר-חודש פארן ארטיגען הצה"ר. די אויפגאבען פון דער דאזיגער אקציע זענען אויסצובויען ארגאניזאציאנעל דעם היגען סניף און צוגרייטען אלע חברים צו בעפארשטעהענדע פאליטישע אקציעס, וועלכע וועלען זיך אנהויבען נאכ'ן צוריקקומען פון פרעזידענט זאב זשאבאטינסקי פון אמעריקא. אין די נאהנטסטע טעג ווערט איינגעארדענט אנ'אויפקלערונגס - מיטינג מיט פארשטעהער פון צענטראל-קאמיטעט.

אַלגעמיינע פערזאַמלונגען פון האַנדווערקער צעכען.

די וואָך איז פאָרגעקומען א רייהע יעהרליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונגען פון עטליכע צעכען ביים האַנדווערקער-פערבאַנד.

בעקער - צעך

די פערזאַמלונג עפענט דער סטאַרשע משה גאָלדבערג. דעם פאָרזיץ פיהרט ה' פונטאָוויטש. דעם בעריכט גיט-אָב ה' מ. גאָלדבערג.

דער בודזשעט אויף דער סומע פון 1583 זל. ווערט איינשטימיג אָנגענומען.

אַלס סטאַרשע ווערט געוועהלט ה' משה גאָלדבערג. פאַד-סטאַרשעס ה"ה: פ. ווינדמאַן, מ. הערמאַן און ח. גאָטיי-נער. אין דער פערוואַלטונג ה"ה: א. ליבערמאַן, ח. סלאָווגע, ל. פּרזשעראָוו-סקי, א. ר. איילענבערג, מ. ווינדמאַן, ז. ווינדמאַן און נ. אָוויעטשקאָ.

מעטאַל - צעך

די פערזאַמלונג עפענט דער סטאַרשי א. גאָטליב. דעם פאָרזיץ פיהרט ה' ירמיהו לאַנדוי. דעם בעריכט גיט-אָב א. גאָטליב.

דער בודזשעט אויף דער סומע פון 550 זל. ווערט אָנגענומען.

אַלס סטאַרשע ווערט געוועהלט ה' א. גאטליב. אַלס פאַד-סטאַרשעס ה"ה: י. לאַנדוי, שטשעקאַץ און וו. לאַנצמאַן. אין דער פערוואַלטונג ה"ה: בראַנדעס, קאַט, אייזענשטיין, פאָמעראַנץ, ראָזענ-זאַן, באַלזאַם און בורשטין.

לעדער - צעך

די פערזאַמלונג עפענט דער סטאַרשע ה' א. ווייס. דעם פאָרזיץ פיהרט ה' א. דזיאַלאָווסקי. דעם בעריכט גיט-אָב ה' ווייס.

דער בודזשעט אויף דער סומע פון 520 זל. ווערט איינשטימיג אָנגענומען.

אַלס סטאַרשע ווערט געוועהלט ה' א. ווייס. אלס פאַד-סטאַרשעס ה"ה: בערמאַן, ה. פרייערמויער און א. דאָרפגאַנג. אין דער פערוואַלטונג ה"ה: א. יאַרקאָוויזנע, ח. וויינהאַלץ, מ. דזיאַלאָווסקי, פייעס, א. דזיאַלאָווסקי, רזשאָנשינסקי, ליפשיץ, פיש און גליקערמאַן.

אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון „מחזיקי-הדת".

איינע פון די וויכטיגסטע אינסטיטו-ציעס ביי אונז אין שטאָדט איז בלי ספק דער „מחזיקי-הדת", אין וועלכען עס לערנען זיך ביז 400 תלמידים.

לעצטענס-ראַנגעלט זיך דער מחזיקי-הדת מיט א שווערען קריזיס און נאר א דאַנק די ה"ה זעליגמאַן און מרגליות, וועלכע שטרענגען-אָן אַלע בעמיהונגען, פיהרט דער מחזיקי-הדת זיין פונאַנדער-געצווייגטע טעטיגקייט.

קומענדען זונטאג, פונקטליך 5 א זייגער נאכמיטאג קומט-פאר אין אייגע-נעם לאקאל די יעהרליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג און דאס איז א חוב פון אַלע מיטגלידער צו קומען אויף דער פערזאַמלונג און אנטייל צו נעמען אין די בעראַטונגען.

Angielski
francuski
niemiecki
Opłata przystępna.
Kancelarja Kursów: ALEJA № 20
(tel. 10-78)
przyjmuje zapisy.
Kier. Kursów
Leon Wajnsztok
abs. Uniwers. Parysk.

פון בע"ם.

מאָרגען שבת דעם 9 ד. ח. קומט פאָר אין אייגענעם לאָקאל אל. וואָל-נאָשצי 3|5, 8 אָוו'ענד אָ רעפעראַט א. ד. ט. „די אויפגאבען פון דער יודי-שער יוגענד פאר דער נאציאָנאלער פרייהייטס-בעוועגונג".

עס וועלען רעפערירען: פּרעז. ש. ניעמיראָווסקי, פראָפ. ב. וויינבערג, ל. קאָפּינסקי א. אנד.

נאָכ'ן רעפעראט א גלעזעל טהע.

היינט פרייטאג 8 אָוועגד קומט פאָר א שיחה איבער דער רעוויזיאָניסטישער אידעאָלאָגיע געפיהרט דורך ח' א. לענטשנער.

פייערונג פון „ברית-החייל" לכבוד דער ערעפנונג פון נייעם לאָקאַל און צו דער יעהרליכער עקזיסטענץ פון דער אָרגאַניזאַציע.

שבת אָווענד איז אין נייעם לאקאל, קאטעדראלנע 6, פארגעקומען די פייער-ליכע ערעפנונג פון נייעם לאקאל און גלייכצייטיג דער 1-יעהריגער יובל פון עקזיסטענץ פון דער היגער אָרגאַניזאַ-ציע פון „ברית-החייל".

נאָכדעם, ווי קאמענדאַנט זאַנדבערג נעמט-אָן דעם ראַפּאָרט פון מפקד הקן יאָרזשאמבעק, ווערט בעעהרט מיט אָדורכשניידען די באַנד פרעזעס ש. ניע-מיראָווסקי.

דאַן עפענט די פייערונג ה' זלאָטניק, וועלכער בעגריסט אין נאמען פון דער קאמענדע די געסט און גיט-איבער דעם פאָרזיץ דעם ה' ש. ניעמיראָווסקי, וועל-כער האַלט א בעגריסונג אין נאמען פון דער רעוויזיאָניסטישער פארטיי.

עס בעגריסען אין נאמען פון „זשוב" ה' וויערזשביצקי, יודענשטאַט-פאַרטיי — אינזש. טייכנער, ברית עבודה מנורה — ל. קאפינסקי, ברית הצה"ר — פראָפ. וויינבערג, בית"ר — זעלצער, אמסטאָ-ווער בית"ר — שידלאָווסקי, קרן תל-חי — שייקאָוויטש. פון דער אָרטיגער יודי-שער פרעסע — ש. פראַנק. דאַן בעגרי-סען די ה"ה פאַד-פאָרוטש. הויפטמאַן און קאמענדאַנט יארזשאמבעק.

א לענגערען רעפעראַט וועגען די אויפגאַבאַן פון ברית-החייל האַלט ש. ניעמיראָווסקי און צום סוף דאַנקט קאָ-מענדאַנט זאַנדבערג אַלע געסט פאר זייער אנטייל נעמען אין דער פייערונג.

דער עולם פערברענגט נאך געמיט-ליך ביי א גלעזיל טיי און 10 א זייגער אָווענד ווערט די פייערונג געענדיגט מיט „התקוה" און „בשוב ד'."

פערזענליכעס.

ביי אונז אין שטאָדט האט זיך בע-זעצט אונזער בן-עיר, דר. מעד. עליאָש ווינער, וועלכער האט שטודירט אויף די מעדיצינישע פאַקולטעטען אין פראַנקרייך און דאַן אין ווילנא. לעצטענס האט דר. ווינער פּראַקטיצירט אין פּאָזנאַנ-סקי'ס שפּיטאַל אין לאָדז, פון וואַנען ער איז געקומען זיך בעזעצען אין טשענסטאָכאָוו.

פון קרן תל-חי.

די היגע קרן-תל-חי קאָמיסיע איז רעאָרגאניזירט געוואָרען, עס איז גע-שאפען געוואָרען א קאָמיסיע פון פאָרשטעהער פון אַלע אָרטיגע רעוויזי-יאָניסטישע גרופירונגען. דער פעראיין האט זיך קאָנסטיטואירט אויף פאָלגענ-דען אופן: מורשה—משה שייקאָוויטש, גזבר—עזריאל יאקובאָוויטש, מזכירות א. לענטשנער, נ. זהבי, א. פעלץ.

דער ועד איז צוגעטרעטען צו א פער-שטאַרקטער ארבייט לטובת דעם קרן-תל-חי פאָנד ביי אונז אין שטאָדט.

פון דער יודענשטאַטס-פאַרטיי.

היינט 8 אָווענד קומט פאָר די פאָרטזעצונג פון דער דיסקוסיע אי-בער'ן רעפעראט פון מגר. בראטמאן.

שבת 4 נאָכמ. פרעסע - איבערזיכט דורך ח' ווארשאווער.

בעזוכט די אינטערעסאַנטע סקולפּטור-אויסשטעלונג פון לאָדזער קינסטלער ה. ביימאָחיאָש אין לאָקאַל פון זש. ט. ק.

זייט עטליכע טעג איז אָפען אין לאָקאַל פון דער יוד. געז. פאר לאַנדקענטשאַפט (אל. וואָלנאָשטשי 2) די אינטערעסאַנטע אויסשטעלונג פון מעטאַל-בילדער און סקולפּטורען פון בעקאַנטען לאָדזער קינסטלער ה' כיימאָוויטש.

ס'איז כדאי צו בעמערקען, אז אין טשענסטאָכאָוו איז נאך אַזא אויסשטע-לונג נישט געווען. קיינער דאַרף דערי-בער נישט פערפעהלען די זעלטענע געלעגענהייט צו בעזוכען די אויסשטע-לונג, וועלכע בלייבט אָפען נאר נאך עטליכע געצעהלטע טעג.

כדי צו ערמעגליכען די ברייטע שיכ-טען פון דער בעפעלקערונג צו בעוואונ-דערן די קינסטלערישע אויסשטעלונג, איז דער איינגאַנג נאר 20 גר.

די אויסשטעלונג איז אָפען יעדען טאָג פון 11 פריה ביז 9 אָווענד.

קינאָ - טעאַטער „לונא"
פרייטאָג 15, שבת 16
טרעט אויף אונזער גרויסע קינסטלערין
אידאַ קאַמינסקאַ
אין דער וועלט-בעריהמטער רעפּאַרטואַר-פּיעסע פון לעבען פון דער געניאַלער יודישער שפּיאָנין
„פרייליין דאַקטאַר"
נייע אינסצעניזאַציע און רעזשי פון אידאַ קאַמינסקאַ.
עס נעמט אַנטייל אַן'אויסגעצייכענטער אַנסאַמבל.
אייגענע דעקאָראַציעס און קאָסטיומען.
בילעטען-פאָרפערקויף אין דרוק. פון ה' באַטשאַן.

צו אַלע אָרימע מאַרק-שטעהער.

אַלע אָרימע מאַרק-שטעהער, וועלכע האָבען צוליב פערשידענע סיבות נאך ביז איצט נישט אויסגע-קויפט קיין פאַטענטען, דאַרפען זיך ווענדען צום ה' ווילהעלם זשערי-קער שבת-צו-נאַכט פון 6 ביז 8 אָווענד אין דער יודישער קהלה (איינגאַנג דורכ'ן הויף).

שטיצט די געז. „תומכי-עניים".

פון דער געזעלשאַפט „תומכי עניים" (גוט-שבת-יודעלעך) טיילט מען אונז מיט, אַז פערג. שבת איז פערטיילט געוואָרען אַנ'ערך 400 קילאָ ברויט, חלות און אַנדערע פראָדוקטען צווישען 270 נויטבעדערפטיגע, בכבוד'ע פאַמי-ליעס.

די פערוואַלטונג פון דער געזעלשאַפט מאַכט גלייכצייטיג אויפמערקזאַם, אַז כמעט יעדען טאָג ווענדען זיך צו זיי וועגען שטיצע פיעל פעראָרימטע האַנד-ווערקער און קליינהענדלער, וואס געפו-נען זיך אין א זעהר שווערער מאַטער-יעלער לאַגע און האבען נישט פון וואס דעם טאָג איבערצולעבען. די פּראָדוק-טען, וואס ווערען געזאַמעלט, גענוגען דעריבער נישט פאר די נצרכים, וואס נויטיגען זיך אין שטיצע.

די געז. „תומכי עניים" ווענדעט זיך דעריבער צו דער גאַנצער היגער יודי-שער בעפעלקערונג מיט א הייסען אַפּעל, אַז קיינער זאָל נישט פעהלען צווישען די פּראָדוקטען שפּענדער און יעדער זאָל, לויט זיין מעגליכקייט, מיטהעלפען צו לינדערן די נויט, פון אונזערע בכבוד'ע אָרימע ברידער.

רעפעראַט פון ה' מ. קויפמאַן.

היינט, פּרייטאג, 8 אָווענד, קומט פאָר אין אייגענעם לאָקאל פון דער יודישער סאָציאַליסטישער פארטיי „פּו-עלי ציון" (פעראייניגט מיט צ. ס. פ.) א רעפעראַט פון ה' מרדכי קויפמאַן א. ד. ט. „דאָס ארבייטער-לעבען אין פראַנקרייך."

נאָכ'ן רעפעראַט — א גלעזעל טיי.

פּאָפּולערע פאָרשטעלונג אין קאַמעראַל-טעאַטער.

מאָרגען שבת, דעם 9 ד. ח. 4 נאָכ-מיטאָג ווערט געגעבען די פרעהליכע קאָמעדיע „איך וויל נאָר דיך".

בילעטען פון 50 גר. שוין צו בעקו-מען אין דער געז. „קולטור-ליגע" (אלעע 12, טעל. 23-86) און שבת פון 2 נאכמ. ביי דער קאַסע פון טעאַטער.

אידאַ קאַמינסקאַ אַלס „פריילין דאַקטאַר".

שוין פרייטאָג, דעם 15 און שבת, דעם 16 ד. ח. קומען פאר די אויפטרי-טען פון אידאַ קאַמינסקא אין דער סענ-סאַציאָנעלער שלאָגער-פּיעסע „פריילין דאַקטאַר".

די בעליבטע קינסטלערין קומט דאָס-מאָל מיט א גרויסען אַנסאַמבל פון 15 פערזאָן און פיעל דעקאָראַציעס, וואס זענען נויטיג, כדי אויפצופיהרען די פּיעסע, וועלכע האט א שפּאַנענדען אינהאַלט און איז זעהר אינטערעסאַנט. די פאָרשטעלונגען וועלען פארקומען אין זאַל פון קינאָ „לונאָ".

בילעטען זענען שוין צו בעקומען אין דרוקעריי פון ה' באַטשאַן.

מאָרגען שבת — „דער אורטייל".

מאָרגען שבת 9 אָווענד ווערט אויפ-געפיהרט אין זאַל פון „מכבי" (קאַטע-דראלנא 13) די גוט בעקאַנטע רעפּאָר-טאַזש-פּיעסע פון ס. לעוויטינא „דער אורטייל".

די פּיעסע ווערט אויפגעפיהרט דורכ'ן גוט-בעקאַנטען דראַמאַטישען-קרייז געוו. ביים „טאַז" און דאס איז די בעסטע גאַראַנטיע, אַז די אויפפיהרונג וועט אויספאַלען גלענצענד.

די קליינע צאָהל איבערגעבליבענע בילעטען איז צו בעקומען ביי דער קאַסע פון טעאַטער.

די אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון „הכנסת-כלה".

פערג. זונטאג איז אין אייגענעם לאָקאַל, סענאַטאָרסקא 5, פאָרגעקומען די יעהרליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון דער געז. „הכנסת-כלה".

פּרעזעס וועלגרין עפענט די פערזאַמ-לונג און בעט צו בעעהרען מיט אויפ-שטעהן דאס אַנדענקען פון די פער-שטאָרבענע מיטגלידער: לייבל לאַנדוי, וואָלף דזיאַלאָשינסקי, משה פרייערמויער, וואָלף ווייס, לייביש נאוואק, העפּטלער און חיים קאַמינסקי.

דעם פאָרזיץ בעקומט ה' יעקב מאיר פרייד, ביזיצענדע די ה"ה: הירשל ראָזענפעלד און זעליג קרזשעפּיצקי. סעקרעטאַר ה' פייעס.

די בעריכטען גיבען אָב די ה"ה: וועלגרין און פייעס און ווי ס'ווייזט זיך אַרויס האט די איינקונפט פון דער גע-זעלשאַפט בעטראָפען די סומע פון 1280 מיט 23 גר., פון וועלכער ס'איז פער-טיילט געוואָרען פאר אָרימע כלות די סומע פון 885,00 זל.

נאך א קורצער דיסקוסיע ווערט דער בעריכט אָנגענומען און דער פערוואַל-טונג ווערט אויסגעדריקט אַבסאָלוטאָר-יום.

דאַן ווערט אָנגענומען דער בודזשעט אויפ'ן קינפטיגען יאָהר אין דער סומע פון 950 זל.

אין דער פערוואַלטונג ווערען גע-וועהלט די ה"ה: ישראל וועלגרין, אברהם פייעס, יוסף ראָזענבערג, ישעיהו מענדיל שווינקעלשטיין, פנחס קרזשע-פּיצקי, זעליג קרזשעפּיצקי און חיים בייהילפער. קאַנדידאַטען: מענדיל פוקס, יונהן איזראעלאָוויטש און מאיר גרינ-בערג.

נאכדעם ווי עס ווערען אָנגענומען עטליכע פרייע פאָרשלאָגען צווישען אַנדערע אויך א פאָרשלאָג, אַז יעדער פּעטענט מוז זיך ווענדען וועגען שטיצע צוויי וואָכען פריהער, ווערט די פער-זאַמלונג געשלאָסען.

LOSY I-ej klasy 32. Loterji po 10 zł. za ćwiartkę **LOSY**
poleca SŁYNNA z wielu WIĘKSZYCH WYGRANYCH
KOLEKTURA
ANTONIEGO EGERA
Częstochowa, Aleja 14. Telefon 14-41.
Na prowincję wysyła się zaraz po otrzymaniu wpłaty na P. K. O. № 140.196.

ראַטעוועט דאס געזונד!
א קראַנקער מאַגען איז אָפט די סיבה פון פערשידענע קראַנקהייטען
Zioła z Gór Harcu D-ra Lauera
זענען א גוט מיטעל צום רעגולירען דעם מאַגען. זיי בעזייטיגען אָבסטרוקציעס און זענען א מילד נאַטירליך אַבפיהר-מיטעל. בעזייטיגען די פוילונגס - סובסטאַנצען. וועלכע פערגיפטען דעם אָרגאַניזם.
Zioła z Gór Harcu D-ra Lauera
ווערען געברויכט ביי קראַנקהייטען פון דער לעבער, נירען, גאַלשטיינער און מערידען, ווערען גערן גענו-מען דורך די קראַנקע.

TORGSIN
OGÓLNOZWIĄZKOWE ZJEDNOCZENIE DLA HANDLU Z CUDZOZIEMC. MOSKWA, KUZNIECKIJ MOST 14
אַנווייזונגען אויף אַלע שטעדט פון סאָוו.-רוסלאַנד אויף „טאָרגסין" נעמט אָן:
Bank Gospodarstwa Krajowego, Pow. Bank Kredytowy S. A., Tow. „Hias" w Warszawie, Powsz. Bank Związkowy, Bank Handlowy. Bank Związku Spółek Zarobkowych, P. K. O., Oddz. Banku Drezdeńsk. w Gdańsku, ווי אויך די פירמעס Biuro Posyłek און B-cia Pakulscy
ווערט = בריעף נעמען אָן אַלע פּאָסט-אַמטען.
פון דעצעמבער א בעדייטענדע פרייזען-הנחה אויף די איספּאָרט-און עקספּאָרט-סחורות פון „טאָרגסין".
אינפאָרמאַציעס ערטיילען אַלע דערמאַנטע אינסטיטוציעס און:
Przedst. Handlowe Z. S. R. R. w Polsce, Koszykowa № 4. tel. 9-58-83

פון בר"ק.

שבת 4 נאָכמ. — רעפעראַט פון מ. רוזעוויץ „די ציוניסטישע יוגענד - בע-וועגונג".

שבת 8 אָווענד — א טהע מיט דיס-קוסיעס.

KINO „EDEN".
נייער, גרויסער פוילישער פילם, גע-שטיצט אויף די פּאַסירונגען פון י. 1905
Córka generała Pankratowa
דראַמע פון די צייטען פון בעריהמטען
סקאַלאָן.
אַלס פּאַנקראַטאָוו דער פּאָפּולערסטער מייסטער פון עקראַן און סצענע
ק. יונאָשאַ-סטעמפּאָווסקי
ביים אַנטייל פון: נאָראַ נעי מאַריאַ באָגדאַ און א רייהע בעסטע פוילישע אַרטיסטען
אויסגעצייכנטע איבערפּראָגראַמען.
געוועהנליכע פרייזען.

Kino „LUNA"
היינט א רעוואָלוציע-פילם פון קולי-סען-לעבען אין די נאַכט-לאָקאַלען
CIENIE BROADWAYU
אויסער'ן פּראָגראַם:
פליפ און פלאַפ
אין דער קאָמעדיע
Tu rządzi humor.

„ATLANTIC"
אַגראָזאָווא 14.
היינט און ווייטער
עליסאַ לאַנדי אין פילם
Nowa płeć
ווי אויך
Dolina Trwogi
מיט דזשאָרזש אָ'בריען.

Redaktor i wydawca: B. [illegible]